STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04410

# DOS IDISHE FOLK VET LEBN!

Alex Bittelman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דאָס אידישע פאָלק וועט לעבן!

## א. ביטעלמאַן

פאַרלאַג „מאָרגן-פרייהייט“ אַסאָסיאיישאָן
MORNING FREIHEIT ASSOCIATION
35 East 12th St., New York 3, N. Y.

# רעפעראַט צו דער ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ
# פון דער „מאָרגן־פרייהייט״ אַסאָסיאיישאָן

30טן סעפטעמבער, 1944.

209

PRINTED IN THE U.S.A.

די „מאָרגן־פרייהייט״ אַסאָסיאיישאָן האָט אויך אַרויסגעגעבן

א. ביטעלמאַנ׳ס רעפעראַט אין ענגליש.

1944

# אינהאַלט

זייט


I. אויפגאַבן פון זיג און פרידן — — — — — — — — — — — — — — 5

וואָס לערנט אונז לובלין? — — — — — — — — — — — — — 8

II. אונזערע „אייגענע" פאַררעטער און קוויזלינגס — — — — 11

דער „פאָרווערטס" און אַ ווייכער שלום פאַר היטלער'ן — 14

פאַרוואָס שעצן זיי אונטער די געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם? 18

די כאַנינס טשעפּען זיך צום פּאַלעסטינער ישוב — — — — 20

וועגן דעם סטאָלבערג־דובינסקי פּאַסקוויל אויף דער אַי־על־דשי־דאַבעליו־יו — — — — — — — — — — — 24

III. איינגקייט אין אַקציע צווישן די אַמעריקאַנער אידן — 27

1. פאַרזיכערן דעם זיג און אָרגאַניזירן דעם פרידן — — — 28

2. מען דאַרף באַקעמפן די אַגיטאַציע פאַר אַ ווייכן שלום און די „פאָרווערטס"־בולִיט קאַמפּאַניע פאַר אַ נייער מלחמה — — — — — — — — — — — — — — 28

3. אַ נייע שטופּע אינעם קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם — — 29

אַ פּראָגראַם פון אַקציע געגן אַנטיסעמיטיזם — — — — 33

4. הילף און אויפבוי פאַר די אידן אין די באַפרייטע לענדער — — — — — — — — — — — — — — 35

5. דעמאָקראַטישע און נאַציאָנאַלע רעכט פון אידישן פאָלק 39

6. דער קאַמף געגן דעם „ווייסן פּאַפּיר" און שטיצע פאַר דעם פּאַלעסטינער ישוב — — — — — — — — — 41

7. מיטאַרבעט מיט די סאָוועטישע אידן און די צוגרייטונג פון דער אידישער באַשולדיגונג געגן די נאַציס — — — 43

8. איינגקייט פון די אַמעריקאַנער אידן און די צווייטע זיצונג פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ — 45

IV. די „מאָרגן־פרייהייט" אַסאָסיאיישאָן און די „מאָרגן־פרייהייט" — — — — — — — — — — — — — 50

# דאָס אידישע פאָלק וועט לעבן

מיר קומען נעענטער צום זיג. פון מזרח, מערב און דרום פאַלן אויפן שונא מעכטיגע קלעפּ, אַט געגוי ווי דאָס איז אָפּגעמאַכט געוואָרן אויף דער היסטאָרישער קאָנפערענץ אין טעהעראַן. עס איז שוין זיכער, אַז דער זיג וועט איינגיכן זיין אונזערער און אַז אויף דעם באָדן וועלן די פאַראייניגטע מלוכות אויפבויען אַ לאַנגן און דויערנדיגן פרידן. אָבער מיר טאָרן ניט פאַרמאַכן אונזערע אויגן אויף די גרויסע און שווערע אויפגאַבן, וועלכע עפּענען זיך אויף פאַר דער קאָאַליציע פון אמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד, — די קאָאַליציע וועלכע פירט די פאַראייניגטע מלוכות צום זיג און צום פרידן. איך מיין דאָ די אויפגאַבע פון ענדגילטיג און אינגאַנצן פאַרניכטן די מאַכט פון די נאַציס און צו פאַרזיכערן ענדגילטיג אונזער זיג און אויף אַזאַ אופן אַז מען זאָל קאָנען אויפבויען אַ שטאַרקן און דויערנדיגן פרידן.

## I. אויפגאַבן פון זיג און פרידן

עס איז דעריבער וויכטיג צו באַמערקן, אַז אין געוויסע אמעריקאַנער קרייזן ווערט געשאַפן דער איינדרוק גלייך ווי די מלחמה וואָלט שוין געווען געענדיגט, און אַז עס שטייען שוין פאַר אונז מער ניט קיין ערנסטע אויפגאַבן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט געווינען דעם קריג. דאָס קוקט אויס צו זיין די ליניע פון גאָווערנאָר דיואי. די רעפּובליקאַנער פירערשאַפט אַרבעט אויף דער דאָזיגער ליניע מיט דער פאָלגנדער אויסרעכענונג: זיי מוזן דענקען, אַז וואָס וויייניגער דאָס פאָלק וועט טראַכטן וועגן דער מלחמה און וועגן דער נויטיגקייט צו געווינען אַ פולשטענדיגן זיג, אַלץ וויייניגער וועט דאָס פאָלק אויך טראַכטן וועגן ווידער־דערווילן פּרעזי־דענט רוזוועלט, וועלכער איז אויך אונזער גרויסער און דערפאָלגרייכער הויפּט־קאָמאַנדיר. דערפאַר טאַקע דאַרף מען זאָגן, אַז אויב חלילה דאָס אמעריקאַנער פאָלק וואָלט פאַרגעסן אין דער מלחמה, וואָלטן מיר אויך פאַרלאָרן דעם זיג — דעם זיג, וועלכער איז זיכער נאָר אַזוי לאַנג ווי דאָס פאָלק איז אַנטשלאָסן אים צו געווינען.

עס גייט אויך אָן איצט אַ געפערלעכע קאַמפּאַניע פאַר אַן אַזוי־גערופענעם וויכן שלום, אַ שלום וואָס זאָל זיין ווייך פאַר היטלער׳ס

דייטשלאַנד און דער אימפּעריאַליסטישער יאַפּאַן און זייער האַרט פּאַר אַמעריקע און פּאַר אַלע פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער. ווען די דאָזיגע קאַמפּאַניע זאָל זיין דערפאָלגרייך, וואָלט אַמעריקע פאַרלאָרן. מיר וואָלטן פאַרלאָרן די מלחמה און דער באָדן וואָלט צוגעגרייט געוואָרן פאַר אַ דריטער וועלט־מלחמה.

עס איז אויך דאָ נאָך אַ דריטע קאַמפּאַניע איצט אין לאַנד, וואָס סאַבאָטאַזשירט אַמעריקע'ס מלחמה־אָנשטרענגונג. דאָס איז דער פאַרזוך צו צעברעכן די איינינקייט פון אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד אין דער היסטאָרישער אויפגאַבע פון אָרגאַניזירן דעם פרידן. דאָס ווערט געטאָן אונטערן אויסרייד, אַז מען דאַרף באַשיצן די אינטערעסן פון די קליינע פעלקער. אָבער דאָס איז זייער אַ מאָדנער אויסרייד, ווען מען נעמט אין אָנבאַטראַכט, אַז מיט די דאָזיגע טענות דינט מען דירעקט די אינטערעסן פון היטלער'ן און יאַפּאַן און בשום אופן ניט די אינטערעסן פון די קליינע פעלקער. די זיכערקייט פון די קליינע פעלקער, פונקט ווי פון די גרויסע פעלקער, וועט אָפּהענגען הויפּטזאַכלעך פון דעם ווי שטאַרק עס וועט זיין די איינינקייט פון אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד אַלס די פירנדיגע פעלקער אין די פאַראייניגטע מלוכות.

ווען גאָווערנאָר דיואי איז אַרויסגעקומען אין זיין נייער ראָלע אַלס אַ כלומרשטדיגער פאַרטיידיגער פון די קליינע פעלקער, האָט ער דערמיט אויפגעטאָן צוויי זאַכן: ער האָט מקריב געווען די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון אַמעריקע צוליב די ענג־פאַרטייאישע אינטערעסן פון דער רעפּובליקאַנער פאַרטיי. ער האָט אויך געגעבן דערמוטיגונג צו אַלע דעפיטיסטן, פּראָ־פאַשיסטן און היטלער־אַגענטן אין אַמעריקע, אַז זיי זאָלן פאַרשטאַרקן זייערע פאַרשווערונגען געגן דער אַנטי־היטלער קאָאַליציע פון אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד, די קאָאַליציע וועלכע געווינט פאַר אונז די מלחמה און וועט פאַר אונז איינאָרדענען דעם פרידן.

און איצט קומען מיר צו איינער פון די סאַמע געפערלעכסטע פאַרשווערונגען, וואָס ווערן געמאַכט געגן דעם זיג און געגן דעם קומענדיגן פרידן. איך האָב דאָ אין זינען דעם אָפענעם רוף, וואָס בוליט האָט געמאַכט, אַז אַמעריקע זאָל אָפּברעכן איר פאַרבינדונג מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַז מען זאָל נעמען גרייטן פאַר אַ מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד און געגן אַלע דעמאָקראַטישע כחות איבער דער גאַנצער וועלט. דאָס איז געווען אַ רוף צו ראַטעווען דעם פאַשיזם פון פאַרניכטונג.

די געפאַר פון דעם דאָזיגן אַרויסטריט פון בוליט'ן ווערט נאָך

גרעסער ווען מען נעמט אין אָנבאַטראַכט דאָס, וואָס מיר האָבן געזאָגט פריער. נעמלעך, די פאַרזיכערונגען, וועלכע קומען פונעם דיואי־לאַגער, אַז די מלחמה איז שוין כמעט ווי געוואונען און אַז מען דאַרף שוין מער ניט קיין נאַציאָנאַלע אייניגקייט צו פאַרזיכערן דעם זיג. און דאָס, ווי מיר ווייסן, גייט האַנט אין האַנט מיט פאַרשיידענע אַרויסטרעטונגען פון די רעפּובליקאַנער פירער געגן דער אייניגקייט פון אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד, אונטער דעם אויסרייד אַז דאָס איז כלומרשט געפערלעך פאַר די רעכט פון די קליינע פעלקער. און ווען מען האָט נאָך אין זינען די קאַמפּאַניע, וואָס היטלער׳ס אַגענטן אין אַמעריקע פירן אָן פאַר אַן אַזוי־גערופענעם וויכן שלום פאַר דייטשלאַנד, ווערט נאָך קלאָרער, אַז מיר האָבן פאַר זיך באמת אַ גרויסע געפאַר.

ווען מען זאָל די דאָזיגע פאַרשווערונגען זיך לאָזן ברייט אַנטוויקלען, דעמאָלט וואָלטן מיר באמת געשטעלט אין געפאַר דעם פולשטענדיגן זיג איבער אונזערע שונאים. ווי אַזוי קאָן מען די געפאַר באַקעמפן? פאַר דעם דאַרף מען פריער פאַר אַלץ אָנהאַלטן און פאַרשטאַרקן די אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע אייניגקייט אַרום דעם הויפּטקאָמאַנדיר, פּרעזידענט רוזוועלט. מען מוז פאַרזיכערן, אַז זיין פירערשאַפט וועט פאָרגעזעצט ווערן און אַז ער וועט ווידער דערוויילט ווערן פאַר פּרעזידענט אין נאָוועמבער.

מען דאַרף קוקן דעם אמת גלייך אין די אויגן אַריין. עס איז שוין קלאָר, אַז די ליניע פון הואווער׳ן און פון דיואי׳ן איז מקריב די אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע אינטערעסן צו די ענגע פּאַרטיי־אינטערעסן פון די רעפּובליקאַנער און אַז די דאָזיגע ליניע העלפט די פּראָ־פאַשיסטישע עלעמענטן אין אַמעריקע. דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס די שטעלונגען פון הואווער׳ן און דיואי׳ן זיינען טיף רעאַקציאָנער. דאָס זיינען שטעלונגען, וואָס קאָנען פירן צו דעם פאַרלוסט פון דער מלחמה. און אָט דערפאַר טאַקע איז די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי געוואָרן דער צענטער, אַרום וועלכן עס זאַמלען זיך צונויף אַלע עלעמענטן פון רעאַקציע, פּראָפאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם.

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס די רעפּובליקאַנער פירערשאַפט האָט אויפגעהויבן אַזאַ ווילדע העצע געגן סידני הילמאַן אַלס אַרבעטער־פירער און אויך אַלס אויסלענדער. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי־פירערשאַפט טרייסלט זיך ניט אָפּ פון די אָפענע אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס וואָס ווערן געמאַכט פון דעם פעטערסאָן־מעקאָרמיק צווייג פון דער רעפּובליקאַנער פירערשאַפט. און עס איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס די זעלבע פירערשאַפט האָט נאָך ביז איצט ניט

געטאָן קיין זאַך אויף אָפּצושטעלן דעם פאַרזוך פון האַמילטאָן פיש און אַנדערע רעפּובליקאַנער פּאָליטישנס אָנצושרעקן די אידישע באַפעלקערונג, אַז זי זאָל ניט שטימען פאַר דער ווידער־דערוויילונג פון פּרעזידענט רוזוועלט.

די דאָזיגע זאַכן שטאַמען פון די פונדאַמענטאַל רעאַקציאָנערע פּאָזיציעס פון דער רעפּובליקאַנער פּירערשאַפט אין די איצטיגע וואַלן, פּאָזיציעס וואָס שטעלן אין געפאַר אַמעריקע׳ס זיג אין דער מלחמה, פּאָזיציעס וואָס שטעלן אין געפאַר דעם קומענדיגן פרידן אַזוי גוט ווי די עקאָנאָמישע זיכערקייט און דעמאָקראַטישע פרייהייטן פונעם אַמעריקאַנער פאָלק.

## וואָס לערנט אונז לובלין?

די אַמעריקאַנער אידן, פונקט ווי אַלע אַמעריקאַנער, קאָנען ניט און טאָרן ניט פאַרזען די לעקציעס פון לובלין. קיין איין פרייהייט־ליבנדיג פאָלק קאָן זיך ניט דערלויבן פאַרבייצוגיין די לובלינער דערפאַרונגען, און ווייניגער פון אַלעמען קאָנען זיך עס דערלויבן די אידן. מחמת די פאַרווירקלעכונג פון היטלער׳ס אַזוי־גערופענע „ראַסן־טעאָריעס” האָט געקאָסט דעם אידישן פאָלק כמעט פינף מיליאָן לעבנס, כמעט אַ דריטל פונעם אידישן פאָלק. לובלין טאָר מען ניט פאַרגעסן און מען טאָר עס ניט פאַרגעבן. מיר מוזן לערנען די לעקציעס פון לובלין.

דער פינצטערער אָפּשטאַם פון לובלין ליגט אין דער נאַצי־טעאָריע, אַז די דייטשן זיינען אַ העכערע ראַסע. עס ליגט איבערהויפּט אין דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס די היטלעריסטן האָבן פאַרוואַנדלט אין אַן אָפענער מלחמה פיזיש צו פאַרניכטן די אידן אומעטום, באַנוצנדיג דעם אַנטי־סעמיטיזם אַלס אַ מיטל אויף צעשפּאַלטן און צעטיילן די פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער.

דאָס דאָזיגע אַנטיסעמיטישע געווער האָבן די נאַצים גענוצט אין די טעג ווען זיי האָבן געזיגט. דאָס זעלבע געווער — די זאַך וואָס האָט געבראַכט לובלין — באַנוצן די נאַצים אויך איצט, אין די טעג פון זייערע נידערלאַגער, כדי זיך צו ראַטעווען פון פולשטענדיגן אונטערגאַנג. דעריבער מוז מען זאָגן, אַז די ערשטע לעקציע פון לובלין איז, אַז דער קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם איז אַ קאַמף פאַר אַ פולשטענדיגן זיג אויף די שלאַכטפעלדער. אָן דעם קאָן ניט זיין קיין זיג געגן אַנטיסעמיטיזם. די צווייטע לעקציע פון לובלין איז, אַז דער קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם, פאַר זיין פולשטענדיגער פאַרניכטונג און אויסראָטונג, איז אַ קאַמף פאַר אַ זיכערן און דויערנדיגן פרידן נאָך דעם זיג. און די דריטע לעקציע

פון לובלין איז, אַז דער קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם איז דער חוב און די אויפגאַבע ניט נאָר פון אידן אַליין, נאָר פון אַלע פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער.

ווען דער שונא וועט באַזיגט ווערן, וועט מען ביי אים צונעמען דאָס געווער און מ׳וועט שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, אַז ער זאָל ניט קאָנען ווייטער פּראָדוצירן דאָס פיזישע געווער פאַר מלחמה. פּונקט אַזוי מוז מען זען, אַז ביים באַזיגטן שונא זאָלן אָפּגענומען ווערן זיינע אַזוי־גערופענע „אידעאָלאָגישע״ וואַפן פון מלחמה. דאָס מיינט הויפּטזאַכלעך דעם אַנטיסעמיטיזם. מען וועט ניט טאָרן דערלויבן מער דעם באַזיגטן שונא און זיינע אַגענטן צווישן די פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער, אַז זיי זאָלן קאָנען פראַנק און פריי פאַרשפּרייטן דעם סם פון אַנטיסעמיטיזם. און אויב מען זאָל אונז פרעגן פאַרוואָס, וועלן מיר ענטפערן: לובלין. און אויב מען וועט אונז זאָגן, אַז דאָס הייסט אָנגרייפן די פרייהייט פון רעדע און פון דער פרעסע, וועלן מיר באַווייזן, אַז דאָס איז נישט אַזוי, אָבער אונזער הויפּט־ענטפער וועט זיין: לובלין. מיר וועלן זאָגן: אויב איר וועט לאָזן נאָכאַמאָל דעם אַנטיסעמיטיזם וואַקסן און זיך פאַרשפּרייטן, וועט איר ווידעראַמאָל האָבן לובלין. און עס טאָר מער ניט זיין קיין לובלינער פאַסירונגען אויף דער וועלט.

און דאָס באַדייט:

קיין וויכן שלום. ניט אָפּשוואַכן, נאָר פאַרקערט, פאַרשטאַרקן די איינינקייט און מיטאַרבעט צווישן אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד, אַלס די פירער פון די פאַראייניגטע מלוכות. דאָס באַדייט אַ קאַמף ביז צום סאַמע סוף געגן די פאַשיסטישע מאַנעווערס פון די בוליטס — די קרימינעלע פאַרשווערונגען געגן דער איינינקייט פון דער אַנטי־היטלער קאָאַליציע, און דער פאַרזוך צו ראַטעווען היטלער׳ן און דעם פאַשיזם פון אונטערגאַנג, וואָס דאָס מיינט אָרגאַניזירן און פּלאַנעווען אַ דריטע וועלט־מלחמה. מיר זאָגן נאָכאַמאָל: כדי צו געווינען די מלחמה און דעם שלום, דאַרף מען באַצייטנס דערשטיקן אַזעלכע פאַרשווערונגען ווי די, וועלכע עס האָט אָנגעפאַנגען בוליט.

די לעקציעס פון לובלין באַדייטן אויך:

אַ ברידערלעכער צוזאַמענלעבן צווישן אַלע פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער און נאַציאָנאַליטעטן, מחמת דער געגנזאַץ פון דעם פירט צו לובלין. עס פאָדערט זיך, אַז מען זאָל פולשטענדיג פאַרניכטן און אויסראָטן אַלע טעאָריעס און פירונגען פון ראַסן־הערשאַפט, די אויסראָטונג פון אַנטי־סעמיטיזם. אַ וועלט מוז באַשאַפן ווערן, אין וועלכער אַנטיסעמיטיזם און ראַסן־הערשאַפט קאָנען ניט לעבן.

און דאָס ברענגט אונז צוריק צו דער צענטראַלער נאַציאָנאַלער אויפ־גאַבע פון דעם איצטיגן מאָמענט. דאָס איז, צו פאַרזיכערן אַז אונזער לאַנד זאָל געווינען אַ פולשטענדיגן מיליטערישן זיג אויף די שלאַכט־פעלדער און צו פאַרזעצן די באַמיאונגען אויף צו פאַרזיכערן דעם שלום פון דער וועלט נאָכן קריג. דאָס וועלן מיר דערגרייכן, ווען מיר וועלן העלפן אָנהאַלטן און פאַרשטאַרקן די אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע איינינקייט אַרום אונזער הויפּט־קאָמאַנדיר פּרעזידענט רוזוועלט, און מיט דעם וואָס מיר וועלן העלפן זיכער מאַכן, אַז ער וועט פאַרזעצן צו זיין פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן נאָך די נאָוועמבער־וואַלן.

עס זיינען פאַראַן אידן — צום גליק ניט זייער קיין סך — וועלכע זיינען אַזוי אָנגעגריפן געוואָרן פון די לובלינער דערפאַרונגען, אַז זייער אויסקוק אויף דער צוקונפט איז פאַרטונקלט געוואָרן און זייער קאַמפּס־פייאיגקייט אין דעם איצטיגן מאָמענט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דאָס איז זייער פאַרשטענדלעך. אָבער אַזעלכעס קאָנען מיר ניט גוטהייסן און אוודאי קאָנען מיר עס ניט דערמוטיגן.

די טראַגעדיע פון אונזער פאָלק האָט צו זיך קיין גלייכן ניט. אונזער פאַרלוסט קאָן מען אַפילו ניט מעסטן. אָבער טאַקע דערפאַר מוז אונזער פאָלק אַרויסברענגען טיפע און גרויסע כחות פון גלויבן, פון אָפּטימיזם, כחות וואָס זאָלן קאָנען ווידער אויפבויען און פאַרזעצן דאָס לעבן פון אונזער פאָלק. צום גליק איז דאָס טאַקע דער גייסט פון די לעבן־געבליבענע אידן אין די באַפרייטע לענדער. דאָס מוז אויך זיין אונזער גייסט, דער גייסט פון האָפענונג און זיכערקייט, אַז מיר וועלן בכח זיין צו געווינען פאַר אונזער פאָלק אומעטום אַ לעבן פון פרייהייט און גליק, אַז מיר וועלן קאָנען צוריק אויפבויען אַ ניי אידיש לעבן אין די שיינע אַלטע אידישע געמיינדעס, וואָס די פאַשיסטן האָבן פאַרניכטעט, כאָטש דאָס וועט זיין אַ שווערע און לאַנגזאַמע אַרבעט.

עס איז שוין איצט זיכער, אַז היטלער׳ן איז ניט געלונגען צו פאַר־ניכטן דאָס אידישע פאָלק, כאָטש זייער אַ סך האָט ער פאַרניכטעט, כמעט אַ דריטל. עס איז שוין איצט זיכער, אַז אונזער פאָלק וועט לעבן און וועט פאַרזעצן זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ אין פאַרשיידענע פאָרמען אין אַ סך טיילן פון דער וועלט. דאָס זעלבע וועלן אויך מיר טאָן. די אַמעריקאַנער אידן, אַלס אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק, איבערגעגעבן מיט אַלע אונזערע כחות צו העלפן בויען דעם פּראָ־גרעס, די גרויסקייט, די עקאָנאָמישע זיכערקייט, און דאָס גליק פון אַלע אַמעריקאַנער, פון גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק. מיר וועלן בויען אונזער אידיש נאַציאָנאַל לעבן אין אַמעריקע אויף דעם פּרינציפּ, אַז פרייהייט

און גליק פאַר אידן איז אַלעמאָל געווען פאַרבונדן אויפן ענגסטן אופן מיט דער פרייהייט און גליק פון אַלע פעלקער. מיר וועלן געדענקען, אַז אונזער פאָלק לעבט זיך אַמבעסטן דאָרטן וואו עס הערשט און אַנטוויקלט זיך פרייהייט, דעמאָקראַטיע, געזעלשאַפטלעכער יושר, און פאַר די־אָ פרינ־ציפּן וועלן מיר אידן אַרבעטן און קעמפן צוזאַמען מיט אַלע פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער.

## II. אונזערע „אייגענע” פאַררעטער און קוויזלינגס

אָבער מיר טאָרן זיך ניט איינרעדן, אַז מיר אידן האָבן ניט קיין פאַררעטער און קיין קוויזלינגס. מיר האָבן זיי. און מיר דאַרפן קעמפן געגן זיי און זיי באַזיגן. און דאָס האָבן מיר נאָך ניט געטאָן גענוג. דאָס ווערט געפערלעך, איבערהויפּט אינעם איצטיגן מאָמענט, ווען די אידישע קוויזלינגס, ספּעציעל די פירערשאַפט פונעם „פאָרווערטס”, האָבן זיך אויף ס'ניי אָנגעקניפּט אין די איצטיגע קאַמפּאַניעס און פאַרשווערונגען פון די דעפיטיסטן.

עס קוקט אויס, אַז דער בוליט־אויסברוך איז געווען אַ סיגנאַל אויך פאַר די פירער פונעם „פאָרווערטס”. אויף זייער אייגענעם אופן און מיט זייערע אייגענע מיטלען האָבן זיך די דאָזיגע אידישע קוויזלינגס פאַרבונדן מיט די נייע פאַרשווערונגען געגן דער אַנטי־היטלער קאָאַליציע און ספּעציעל געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אויב איר ווילט דעם גענויען טאָג ווען דער „פאָרווערטס” האָט אָנגעפאַנגען זיין נייע קאַמפּאַניע, קענט איר פאַרצייכענען סעפּטעמבער דעם 3טן, ווען דער „פאָרווערטס” איז אַרויס מיט אַ גאַנצן עדיטאָריעל און מיט אַ ספּעציעלן אַרטיקל פון כאַנינ'ען, מאַכנדיג דערמיט דעם אָנפאַנג פון דער נייער העצע געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, געגן די קאָמוניסטן און געגן דער אַנטי־היטלער קאָאַליציע.

דערפאַר טאַקע דאַרף מען רעדן וועגן דעם, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ „פאָרווערטס”־בוליט פאַרשערונג. דער אמת איז, אַז אַ סך פון דעם וואָס בוליט זאָגט איצט האָט שוין דער „פאָרווערטס” געזאָגט פיל מאָל פריער און אויך אַז אַ סך פון דעם וואָס דער „פאָרווערטס” זאָגט איצט איז אינספּירירט געוואָרן דירעקט פון בוליט'ן אַליין. מען דאַרף אויך געדענקען, אַז בוליט און די „פאָרווערטס”־פירערשאַפט האָבן אַן אַלטע פריינטשאַפט, וועלכע איז אויסגעפּרובירט געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, אין די לעצטע שטאָט־וואַלן אין פילאַדעלפיע, ווען די „פאָרווערטס”־פירער־

שאַפט האָט געזוכט צו דערוויילן בוליט'ן אַלס מעיאָר פון פילאַדעלפיע. אויב דאָס איז ניט געלונגען, איז דאָס זיכער ניט די שולד פון ראָגאָפ'ן, באַנינ'ען און אב. קאַהאַנ'ען, וועלכע האָבן געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געקאָנט.

לאָמיר אונטערזוכן אַ ביסל גענויער די דאָזיגע בוליט־„פאָרווערטס"־קאַמפאַניע. בוליט אַרבעט פאַר אַ דריטער וועלט־מלחמה, אַ מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, כדי — ווי ער זאָגט — צו ראַטעווען אייראָפּע פון באָלשעוויזם. דאָס, ווי מיר ווייסן, זיינען געבעלס'עס ווערטער און פאַר דעם דאַרף מען געבן געבעלס'ן דעם פולן קרעדיט. אָבער ניט נאָר געבעלס'ן. דער „פאָרווערטס" אַליין קאָן אויך פאָדערן אָנערקענונג. ער קאָן אַפילו באַשטיין, אַז ער האָט דער ערשטער דערפונדן דעם דאָזיגן ליגן. איך שלאָג דעריבער פאָר, אַז מיר זאָלן געבן דער „פאָרווערטס"־פירערשאַפט פולן קרעדיט, צוזאַמען מיט געבעלס'ן, פאַר דערפינדן און פאַרשפרייטן דעם פאַשיסטישן ליגן, אַז ס'איז דאָ אַ געפאַר אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט באָלשעוויזירן אייראָפּע.

איצט האָט בוליט אויפגעכאַפט דעם דאָזיגן געבעלס־„פאָרווערטס"־ליגן, האָט עס אָפגעפוצט און באַנוצט דאָס פאַר אַ נייער קאַמפאַניע, וואָס רופט צו מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד און געגן אַלע דעמאָקראַטישע כחות פון אייראָפּע. אָבער אויך דער רוף פאַר אַ דריטער וועלט־מלחמה, פאַר אַ מלחמה געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז ניט בוליט'ס קיין אָריגינעלע דערפינדונג. עס איז דאָ אַ פאַרשוין אין דער „פאָרווערטס"־קליקע, אַ פולשטענדיגער קוויזלינג אין זיין אייגענער פאָזיציע, וועלכער קאָן מיט יושר פאָדערן אָנערקענונג אַלס דער אָריגינעלער דערפינדער פון דעם דאָזיגן לאָזונג. דאָס איז דער פירער פון דעם אַזוי־גערופענעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. ער איז אויך אַ מין סאָרט בילדונגס־דירעקטאָר אין דעם אַרבעטער־רינג. זיין נאָמען, ווי איר קענט זיך אָנשטויסן, איז כאַנין. און ווער ווייסט עס ניט, אַז ער האָט נאָך אין 1942 אַרויסגעזאָגט דעם פאַרלאַנג און די האָפענונג, אַז דער לעצטער שאָס אין דער מלחמה וועט קומען פון אַמעריקע, און אַז מיט דעם שאָס וועט פאַרניכטעט ווערן דער סאָוועטן־פאַרבאַנד?

שפּעטער איז געקומען דובינסקי, דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, און האָט עפנטלעך גוטגעהייסן כאַנינ'ס צעשיסערישע פאָזיציע. דעריבער איז קלאָר, אַז ביידע, אי כאַנין, אי דובינסקי, וואָלטן געווען באַרעכטיגט צו אָנערקענונג פאַר אָריגינאַליטעט אין דעם צעשיסערישן אויפטו.

עס איז פאַראַן אויך נאָך אַ מעגלעכקייט. עס איז מעגלעך, אַז דער

דאָזיגער צעשיסערישער אויסגעשריי פון כאַנין און דובינסקי איז אינ־ספּירירט געוואָרן לכתחילה טאַקע פון בוליט'ן, מחמת די פּריינטשאַפּט צווישן די אַלע איז אַן אַלטע. אָבער ווען אפילו דאָס זאָל זיין אַזוי, ווערט נאָך אַלץ די „פאָרווערטס"־פּירערשאַפּט, כאַנין און אויך דובינסקי, האָבן אַ רעכט צו פאַרלאַנגען פון אַלע היטלעריסטן און היטלער־אַגענטן מען זאָל אָנערקענען, אַז זיי, די כאַנינס, זיינען געווען פון די ערשטע אין אַמעריקע עפנטלעך צו זאָגן, אַז זיי פאַרלאַנגען אַ דריטע וועלט־מלחמה, אַ מלחמה געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

פון דעם אַלעמען איז קלאָר, אַז מיר האָבן אַ פולשטענדיג רעכט צו רעדן פון אַ נייער „פאָרווערטס"־בוליט־קאַמפּאַניע. אַמווינציגסטן אויף וויפיל דאָס אַנטוויקלט זיך צווישן די אידן, און ווערט געפירט פונעם „פאָרווערטס". דאָס הייסט ניט, נאַטירלעך, אַז בלויז דער „פאָרווערטס" אַלס צייטונג פירט אָן די דאָזיגע קאַמפּאַניע. ניין, זי ווערט אָנגעפירט פון דער דאָזיגער קליקע אין אַלע אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע זיי האָבן אַן איינפלוס, אין פאַרשיידענע טרעיד־יוניאָנס, איבערהויפּט אין דער אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, אין דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, אין דעם אַרבעטער־רינג, אין דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פעדעראַציע, און אין דעם „ניו לידער", וועלכער איז דער ענגלישער אָרגאַן פונעם „פאָרווערטס". די פּירערשאַפּט פון „פאָר־ווערטס" פירט אָן די בוליט־קאַמפּאַניע דורך אירע פאַרבינדונגען מיט אַזעלכע מענטשן ווי מעטיו וואָל און דזשאָן ל. לואיס אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג, און אויך דורך אירע פאַרבינדונגען מיט איניגע פּירער אין אידישע אָרגאַניזאַציעס.

דער „פאָרווערטס"־בוליט רוף פאַר אַ נייער וועלט־מלחמה האָט אויך אַ צאָל באַלדיגע פּראַקטישע צוועקן. דאָס זיינען: ערשטנס, אַ ווייכער פרידן פאַר דייטשלאַנד, און צווייטנס, אַ ברוך אין דער פאַרבינדונג צווישן אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן אויף די לאָגישע און אָביעקטיווע פאַרבינדונגען צווישן די דאָזיגע דריי אַנטוויקלונגען: די אַגיטאַציע פאַר אַ ווייכן שלום, דער דיואַי־סאַבאָטאַזש געגן דעם פאַרזוך פון אַמעריקע, ענגלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד צו אָרגאַניזירן דעם פרידן, דער סאַבאָטאַזש וואָס ווערט געמאַכט אונטערן אויסרייד פון פאַרטיידיגן די רעכט פון די קליינע פעלקער און, לעצטנס, די קאַמפּאַניע פון בוליט'ן פאַר אַ מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר האָבן געוויזן, אַז כאָטש די דריי אַנטוויקלונגען זיינען אַנטשטאַנען מער אָדער ווייניגער זעלבסטשטענדיג און אָפּגעזונדערט איינער פון דעם צווייטן, איז אָבער געשען עטוואָס זייער אינטערעסאַנטס.

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרבינדן איינער מיטן אַנדערן. און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן אין איין ריכטונג, כאָטש זיי אַנטוויקלען זיך נאָך אַלץ אַלס זעלבסטשטענדיגע און אָפּגעזונדערטע קאַמפּאַניעס. די ריכטונג, אין וועלכער זיי גייען, שטעלט אין געפאַר אַמעריקע׳ס זיג אין דער מלחמה און אויך דעם צוקונפטיגן פרידן.

דאָס קאָנען מיר איצט זען נאָך קלאָרער ווי פריער. בוליט׳ס רוף פאַר אַ מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַלע דעמאָקראַטישע כחות מיינט נאַטירלעך, אַז דער פאַשיזם טאָר ניט פאַרניכטעט ווערן און אַז דער בונד צווישן אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד דאַרף צעבראָכן ווערן. אָבער וואָס מיינט דאָס פון שטאַנדפּונקט פון באַלדיגער אַקציע? דאָס מיינט, אַ ווייכער שלום פאַר דייטשלאַנד, מחמת בלויז דאָס וואָלט געקאָנט ראַטעווען דעם פאַשיזם. דאָס מיינט אויך, אַז מען דאַרף שטערן און סאַבאָטאַזשירן דעם פאַרזוך פון אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד צו אָרגאַניזירן די זיכערקייט פון שלום נאָכן זיג, מחמת בלויז אויף דעם וועג פון אַזאַ סאַבאָטאַזש וואָלט מען געקאָנט דערפירן צו אַ ברוך צווישן די דאָזיגע דריי מלוכות. און אָט געניו אויף דעם פּלאַץ קומען אַריין די היטלער־אַגענטן אין אַמעריקע, וועלכע אַגיטירן פאַר אַ ווייכן שלום און שליסן זיך דערמיט אָן אין דער קאַמפּאַניע פון בוליט׳ן פאַר אַ מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. און אויף דעם זעלבן פּלאַץ קומען אַריין די געגנער פון די פאַראייניגטע מלוכות, וואָס שפּאַצירן אַרום אַלס פאַרטיידיגער פון די קליינע פעלקער, און שליסן זיך אויך אָן אין דער בוליט־קאַמפּאַניע, מיט דעם וואָס זיי סאַבאָטאַזשירן די איינינקייט פון דער אַנטי־היטלער קאָאַליציע.

## דער „פאָרווערטס" און אַ ווייכער שלום פאַר היטלערן

די פראַגע איז איצט, ווי האַלט עס מיט דער „פאָרווערטס"־פירער־שאַפט אין די אַלע זאַכן? דערויף דאַרף מען ענטפערן אַזוי: דער „פאָרווערטס"־פירערשאַפט איז אינגאַנצן ניט פרעמד, נישט די היט־לערישע אַגיטאַציע פאַר אַ ווייכן שלום, נישט דער סאַבאָטאַזש געגן די פאַראייניגטע מלוכות. כאָטש די שטעלונגען פון דער „פאָרווערטס"־פירערשאַפט אין די דאָזיגע זאַכן זיינען ניט אַלעמאָל זייער קלאָר, און אָפטמאָל אפילו ווידערשפּרעכלעך, דאָך גייען די שטעלונגען פון „פאָר־ווערטס" הויפּטזאַכלעך אין דער זעלבער ריכטונג ווי עס גייען די שטעלונגען פון בוליט׳ן.

נעמט די אַגיטאַציע פאַר אַ ווייכן שלום. די פירער פון „פאָרווערטס" שרייבן פון צייט צו צייט, אַז זיי זיינען געגן אַ ווייכן שלום. אָבער אין

דער זעלבער צייט אַרבעטן זיי זייער נאָענט מיט אַזעלכע אַגיטאַטאָרן פאַר אַ ווייכן פרידן פאַר דייטשלאַנד ווי די רעדאַקטאָרן פון דער „נייער דייטשער פאָלקסצייטונג", וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט אַלס אַ פול־שטענדיגער פּאַרטיידיגער פון נאַצי־דייטשלאַנד. די דאָזיגע באַנקראָטירטע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער אַרבעטן מיט אַלע כחות פאַר דעם, אַז מען זאָל צוריק אויפבויען אַ שטאַרקע דייטשלאַנד אַלס מיטל געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די דאָזיגע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַנקראָטן באַלאַנגען פּאָליטיש צו דעם זעלבן לאַגער ווי די פירער פון „פאָרווערטס", די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע און די פירערשאַפט פונעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. פּאָליטיש באַלאַנגט צו דער זעלבער קאָמבינאַציע אויך דעיוויד דובינסקי. איז דאָך קלאָר, אַז די „פאָרווערטס"־פירערשאַפט איז דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַגיטאַציע, וואָס גייט אָן פאַר אַ ווייכן פרידן, כאָטש אין זייער אייגענער צייטונג וואָגן זיי דאָס ניט צו זאָגן גאַנץ אָפן אַלעמאָל, פאַרשטעלטערהייט אָבער זאָגן זיי עס.

צום ביישפּיל, אב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", האָט עפנטלעך געלויבט אין זיין צייטונג און האָט גוטגעהייסן אַ בוך אָנגע־שריבן פון דעם רעדאַקטאָר פון דער „נייער פאָלקס־צייטונג", זעגער. אין דעם בוך אַנטוויקלט זעגער די אָריענטאַציע פאַר אַ ווייכן שלום פאַר דייטשלאַנד, כדי זי זאָל קאָנען העלפן, וואָס ער רופט „דעם מערב", זיך צו באַשיצן פון „דעם מזרח". דאָס איז פולשטענדיגער בוליטיזם. און דאָס באַווייזט ענדגילטיג, אַז די „פאָרווערטס"־פירערשאַפט גיט דירעקטע הילף דער אַגיטאַציע פאַר אַ ווייכן שלום פאַר דייטשלאַנד, אַן אַגיטאַציע וואָס ווערט מאַניפּולירט דאָ אין אַמעריקע פון היטלער־אַגענטן, כאָטש דער „פאָרווערטס" שרייבט אויך אַמאָל אַז ער איז געגען אַ ווייכן פרידן.

איצט וועגן דער אָרגאַניזירונג פונעם וועלט־פרידן. פון צייט צו צייט שרייבט דער „פאָרווערטס", אַז ער איז מסכים מיט רוזוועלט'ן, אַז די פאַראייניגטע מלוכות דאַרפן אָרגאַניזירן דעם פרידן פון דער וועלט נאָך דער מלחמה. אין דער זעלבער צייט, אָבער, האָט די „פאָרווערטס"־פירערשאַפט אַנטוויקלט די ליניע פון גאָווערנאָר דיואי (נאָך איידער דיואי האָט עס אָנגעפאַנגען, אַלס קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט), נעמלעך, אַז די מיטאַרבעט און פירערשאַפט פון דעם אַמעריקאַניש־סאָוועטיש־ענגלישן בונד אין דער אָרגאַניזירונג פון דעם וועלט־פרידן שטעלט מיט זיך פאַר אַ געפאַר פאַר די קליינע מלוכות. דאָס הייסט, אַז די „פאָרווערטס"־פירערשאַפט פאָלגט נאָך די הואָווער־דיואי ליניע; דאָס הייסט, מען שטעלט זיך פאַר כלומרשט אַלס פריינט פון דער רוזוועלט־פּאָליטיק, אַז

די פאַראייניגטע מלוכות, געפירט פון אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ענגלאַנד און כינע, זאָלן אויפבויען דעם וועלט־פרידן. און גלייכצייטיג סאַבאָטאַזשירט מען די דאָזיגע פּאָליטיק דורך דעם, וואָס מען שרעקט די וועלט, אַז די מיטאַרבעט פון די דאָזיגע פיר מלוכות פאַר דעם פרידן איז אַ געפאַר פאַר די קליינע פעלקער. דאָס מיינט בלויז איין זאַך, אַז פּונקט ווי די הואווער־דיואי פירער פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, אַזוי טוט די פירערשאַפט פון דעם „פאָרווערטס". זי גיט דירעקטע הילף צו די פאַרשווערונגען פון די דעפעטיסטן און פּראָ־פאַשיסטן, וועלכע ווילן ניט דערלאָזן אַז די פאַראייניגטע מלוכות זאָלן קאָנען אָרגאַניזירן דעם פרידן און די זיכערקייט פון דער וועלט.

אָט די דאָזיגע ליניע פון די „פאָרווערטס"־פירער פאַרבינדט זיי דירעקט מיט בוליט'ן, און פון דעם קומט אַרויס די איצטיגע בוליט־„פאָר־ווערטס"־קאַמפּאַניע פאַר אַ דריטער וועלט־מלחמה, פאַר אַ מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. פון דעם קומען אויך אַרויס די באַלדיגע צוועקן פון דער דאָזיגער קאַמפּאַניע, נעמלעך, אַ וווייכער שלום פאַר דייטשלאַנד און אַ ברוך אין דער אַנטי־היטלער קאָאַליציע.

די פירער פון „פאָרווערטס" ווייסן, פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיגע ליניע זייערע האָט פולשטענדיג און ענדגילטיג באַנקראָטירט. זיי האָבן דאָס באמת געוואוסט שוין זינט דער היסטאָרישער קאָנפערענץ אין טעהעראַן, וועלכע האָט צוגעגרייט און מעגלעך געמאַכט אונזערע איצטיגע זיגן אויף אַלע שלאַכטפעלדער. אָבער אויך היטלער און געבעלס ווייסן, אַז זיי האָבן באַנקראָטירט און אַז זיי זיינען פאַרלאָרן, דאָך האָבן זיי דעם קאַמף נאָך ניט אויפגעגעבן. זיי פילן משמעות, אַז זיי האָבן ניט וואָס צו פאַרלירן. אין אַן ענלעכער לאַגע, כאָטש ניט גענוי די זעלבע, געפינען זיך די פירער פון „פאָרווערטס". זיי ווייסן, אַז זיי האָבן פאַרלאָרן, אָבער זיי ווילן ניט אויפגעבן דעם קאַמף. פאַרקערט, זיי ווערן נאָך מער פאַרצווייפלט און מער אומפאַראַנטוואָרטלעך, אויף אַזויפיל, אַז זיי בינדן זיך אָן און פאַרקניפּן זיך מיט אַ קאַמפּאַניע פאַר אַ ווייכן פרידן און פאַר אַ מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, קאַמפּאַניעס וואָס ווערן מאַניפּו־לירט פון היטלער'ס אַגענטן אין אַמעריקע.

ווי ווייט פאַרצווייפלט די „פאָרווערטס"־פירער זיינען געוואָרן, קאָן מען זען פון זייער פאַרזוך אויפצולעבן אויף דאָס ניי די פאַרברעכערישע „קאָמונאַצי"־געשיכטע, — דעם פאַנטאַסטישן ליגן, אַז קאָמוניזם און פאַשיזם זיינען איינע און די זעלבע זאַך (זע „פאָרווערטס"־עדיטאָריאַל, סעפּטעמבער 12, אונטער דעם קאָפּ: „ברוינער קאָמוניזם און רויטער פאַשיזם").

גיט אַ טראַכט וועגן דעם. דאָס ווערט געזאָגט אין אַ צייט, ווען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָנגעפירט פון קאָמוניסטן, איז אַ פאַרבינדעטער פון די פאַראייניגטע שטאַטן און איז דער הויפּט־פאַרניכטער פון דער מיליטערישער מאַכט פון די נאַציס און פון דעם פאַשיזם, צוזאַמען מיט אַמעריקע און ענגלאַנד. דאָס ווערט געזאָגט אין אַ מאָמענט, ווען די קאָמוניסטיש־געפירטע רויטע אַרמיי, וועמעס הויפּט־קאָמאַנדיר איז מאַרשאַל סטאַלין, דער פירער פון די סאָוועטישע קאָמוניסטן, באַפרייט מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע פון פאַשיזם, קעמפט צוזאַמען מיט די אַרמייען פון אונזער אייגן לאַנד און פון אַלע פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער כּדי צו פאַרניכטן אינגאַנצן דעם פאַשיזם (זע די אָפּמאַכן פאַרן וואַפן־שטילשטאַנד מיט רומעניע און פינלאַנד) — אָט אין דעם מאָמענט, ווען די קאָמוניסטן אין אַלע פאַראייניגטע מלוכות שטייען אין די פראָנט־רייען פון קאַמף געגן פאַשיזם ביזן סוף, ווען קאָמוניסטן אין פילע לענדער פון די פאַראייניגטע מלוכות זיינען אַן איינפלוסרייכער טייל פון זייערע רעגירונגען (פראַנקרייך, איטאַליע, יוגאָסלאַוויע, גריכנלאַנד) — אין דעם דאָזיגן מאָמענט נעמט זיך די „פאָרווערטס"־פירערשאַפט צו דער מלאכה פון מיט רומעניע און פינלאַנד), אָט אין דעם מאָמענט, ווען די קאָמוניסטן נאָכאַמאָל אויפלעבן די פאַרברעכערישע „קאָמונאַצי"־מעשה.

דענקט איר, אַז היטלער און געבעלס וואָלטן געקאָנט פאַרלאַנגען עפּעס אַנדערש? וואָרים דער שכל איז דאָך אַ פּשוט'ער. אויב ס'איז טאַקע באמת ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן פאַשיזם און קאָמוניזם, ווי דער „פאָרווערטס" וויל אַז מען זאָל אים גלויבן, איז פאַרוואָס זאָל מען דאָס ווייטער פאַרזעצן די מלחמה געגן דייטשלאַנד? וואָרום ניט מאַכן טאַקע אַ וויכן שלום מיט דייטשלאַנד און דאַן אויסדרייען די ביקסן אַנטקעגן דער רויטער אַרמיי, די זעלבע אַרמיי וועלכע האָט מיט איר אייגן בלוט געראַטעוועט די לעבנס פון מיליאָנען אַמעריקאַנער יונגעלייט, פונקט ווי זי האָט פיזיש געראַטעוועט צוויי מיליאָן אידן?

טאַקע פאַרוואָס? דאָס זיינען געגנוי די פראַגן, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט אויפגעהויבן און האָט פאַרענטפערט. דער „פאָרווערטס" פירט אַ קאַמפּאַניע, צוזאַמען מיט בוליט'ן, אַז מ'זאָל אויסדרייען די ביקסן פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי אַוועק פון די דייטשן, און אָנצילעווען זיי אויף דער רויטער אַרמיי. דאָס איז וואָס דער „פאָרווערטס" פאַרלאַנגט, און פאַר דעם טאַקע וויל ער אויך האָבן אַ וויכן שלום פאַר דייטשלאַנד און אַ ברוך אין דער איינִיגקייט פון די פאַראייניגטע מלוכות. אָט דאָס איז געגנוי די באַדייטונג פון דער „קאָמונאַצי"־מעשה, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט נאָכאַמאָל אויפגעלעבט. און דערמיט ווערט דעמאָנסטרירט

דער פאַקט, אַז די דאָזיגע קליקע פון אידישע קוויזלינגס אַרבעט פאַר דעם, אַז מען זאָל ראַטעווען דעם פאַשיזם און צוגרייטן אַ דריטע וועלט־מלחמה.

פון דעם קומען שוין אַרויס די שעדלעכע שטעלונגען פון דער „פאַר־ווערטס"־פירערשאַפט אין אידישע ענינים, אין אַרבעטער־פראַגן, און אין אַלע וויכטיגע פראַגן וואָס האָבן צו טאָן מיט דער אינערלעכער פּאָליטיק פון לאַנד. די דאָזיגע שטעלונגען פון „פאָרווערטס" זיינען פיינטלעך צו נאַציאָנאַלער אייניגקייט און צו אַרבעטער־אייניגקייט. און זיי ווערן דורכגעפירט אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זיינען באמת געפערלעך פאַר די אינטערעסן פון דע ראַרבעטער־באַוועגונג.

## פאַרוואָס שעצן זיי אונטער די געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם?

אין אידישע ענינים מוז מען שענקען גרויס אויפמערקזאַמקייט צו דער שטעלונג פון דער „פאָרווערטס"־פירערשאַפט בנוגע דעם אַנטי־סעמיטיזם און אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען. אַ פּאַטריאָטישער קריסט וועט מסתמא ניט פאַרשטיין וואָס מיר מיינען. ער וואָלט אָנגענומען, אַז יעדע אידישע גרופּע, צו וואָס פאַר אַ פּאָליטישער ריכטונג אָדער אידעאָ־לאָגיע זי זאָל ניט באַלאַנגען, איז זי אומבאַדינגט פיינטלעך צום אַנטי־סעמיטיזם. אָבער ער וואָלט געמאַכט אַ טעות. מחמת די „פאָרווערטס"־פירערשאַפט איז אין דעם פּרט אַן אויסנאַם. מען דאַרף דאָס זאָגן גאַנץ באַשטימט און קלאָר. די „פאָרווערטס"־פירערשאַפט זוכט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע איז ניט זייער געפערלעך. דער „פאָרווערטס" סאַבאָטאַזשירט יעדן ערנסטן קאַמף געגן אַנטיסעמי־טיזם, ווי צום ביישפּיל, אין דער פאָלקס־באַוועגונג אין ניו יאָרק, וועלכע האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל באַזייטיגן אין ברוקלין דעם אַנטיסעמיטישן פּאָליסמאַן דריו.

נאָך וויכטיגער איז צו דערמאָנען די מאָדנע פאַרבינדונג, וואָס עקזיסטירט צווישן דעם „פאָרווערטס" און אַזאַ צענטער פון אַנטיסעמי־טיזם און דעפּיטיזם ווי דער ברוקלינער „טאַבלעט" און זיין רעדאַקטאָר פאַטער קאָרען, אַ פאַרבינדונג וואו דער „טאַבלעט" דרוקט איבער אַרטיק־לען פון דעם „פאָרווערטס" און וואו ביידע פירן דורך פּאַראַלעלע אַקציעס. צום ביישפּיל, סיי דער „פאָרווערטס", סיי דער „טאַבלעט", ווילן איינרעדן דער באַפעלקערונג, אַז עס עקזיסטירט ניט קיין גרויסע געפאַר פון אַנטי־סעמיטיזם אין די פאַראייניגטע שטאַטן. סיי דער „פאָרווערטס", סיי דער „טאַבלעט", פירן אַ סיסטעמאַטישע קאַמפּאַניע געגן דער אייניגקייט פון קריסטן און אידן פאַר דעם קאַמף געגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם. סיי

דער „„פאָרווערטס" און סיי דער „טאָבלעט" פירן אַ מלחמה געגן דעם גרויסן אידישן שרייבער שלום אַש, וועלכער איז געוואָרן דער וויכטיגסטער אידישער קעמפער פאַר אַנטי־פאַשיסטישער איינגקייט צווישן קריסטן און אידן.

מען פרעגט: ווי אַזוי איז דאָס אַ גרופּע אידן, די פירער פון „פאָר־ווערטס", געקומען צו אַזאַ פאַרבינדונג מיט אַנטיסעמיטן? איז דער ענטפער, אַז געקומען זיינען זיי צו דעם דורך זייער האַס צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, דורך זייער בלינדן האַס צום קאָמוניזם, דורך זייער מורא פאַרן פאָלק און פאַר דער פאָלקס־איינגקייט געגן פאַשיזם. אַזוי אַרום איז די „פאָרווערטס"־פירערשאַפט געוואָרן פאַקטיש אַ פאַרבינדעטער פון די אַנטיסעמיטן.

די „פאָרווערטס"־פירערשאַפט האָפט און אַרבעט פאַר דער פאַרניכטונג פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און דעריבער כאַפּן זיי זיך אָן אין דער בלוטיגער האַנט פון יעדן אויסוואורף, אויב נאָר זיי גלויבן אַז דאָס וועט זיי געבן הילף אין דעם קאַמף געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. און צווישן וועמען קאָן די „פאָרווערטס"־פירערשאַפט דערוואַרטן היינט־צו־טאָג צו געפינען פאַרבינדעטע פאַר דער כאַנין־פּאָליטיק פון פאַרניכטן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד? דאָס קאָנען זיי דערוואַרטן צו געפינען בלויז צווישן היטלער־אַגענטן, פּראָ־פאַשיסטן און אַנטיסעמיטן. און אַהינצו טאַקע גליטשט זיך די „פאָרווערטס"־פירערשאַפט.

פּאָליטישע שטעלונגען האָבן זייער איינענע לאָגיק. פון זייער פאַר־בינדונג מיט אַמעריקאַנער אַנטיסעמיטן זיינען די פירער פון „פאָרווערטס" געקומען צו דעם, אַז זיי האָבן גענומען אַקטיוו שטיצן די אַנטיסעמיטן און פאַשיסטן אין דער אַזוי־גערופענער גלות־רעגירונג. דער „פאָר־ווערטס" פאַרטיידיגט סיסטעמאַטיש די סאָסנקאָווסקי־ראַטשקעוויטש אַנטיסעמיטישע קליקע פון פּראָ־פאַשיסטן, ניט געקוקט דערויף, וואָס די דאָזיגע קליקע האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דער גרעסטער שונא פון דעם פּוילישן פאָלק און ספּעציעל פון די פּוילישע אידן.

אין איינקלאַנג מיט זיין אַלגעמיינער שטעלונג, האָט דער „פאָר־ווערטס" גענומען אַ פיינטלעכע פּאָזיציע צו דער אַרבעט פון די אַמעריקאַנער אידן אויפן געביט פון הילף און אויפבוי פאַר דעם אידישן פאָלק אין די באַפרייטע לענדער. אין „פאָרווערטס" האָט מען אַפילו דערפונדן אַ „טעאָריע", אַז דאָס אידישע לעבן אין אייראָפּע האָט זיך שוין גע־ענדיגט און עס איז שוין מער ניטאָ וואָס צו טאָן פאַר די אייראָפּייאישע אידן (שוב, ווילנער, פאָגעלמאַן, סמאָליאַר).

און ווי אַזוי זיינען זיי געקומען, די „פאָרווערטס"־פירער, צו אַזאַ

ווילדער שטעלונג? פשוט דערפאר, ווייל זיי האבן געזוכט פארצוזעצן זייער ווילדן און בלינדן אנטי־סאוועטיזם. און געקומען איז עס אויף דעם פאלגנדיגן אופן. אזוי ווי די הויפט־ארבעט פון הילף און אויפבוי צווישן די אייראפייאישע אידן וועט געטאן ווערן אין מזרח און צענטראל־אייראפע, דאס הייסט, אין א טייל פון דער וועלט וואס ווערט באפרייט דורך דער רויטער ארמיי, און וואו דער מאראלער פרעסטיזש און איינפלוס פונעם סאוועטן־פארבאנד זיינען נאטירלעך זייער גרויס, דעריבער דארף מען צונישט מאכן די אויפגאבן פון הילף און אויפבוי.

אזוי ארום זיינען די „פארווערטס"־פירער גרייט מקריב צו זיין די אינטערעסן פון די אידן אין מזרח־ און צענטראל־אייראפע, אבי נישט צו דערלאזן, אז עס זאל אונטערגענומען ווערן אירגענד וועלכע אקציע וואס קאן אויך זיין אין די אינטערעסן פונעם סאוועטן־פארבאנד. דאס הייסט, אז די „פארווערטס"־פירער זוכן ניט צו דערלאזן עס זאל זיך איינשטעלן א גרויסע אמעריקאנער אקציע פאר הילף און אויפבוי פאר די אידן אין סאוועטן־פארבאנד, פאר די אידן אין דעם באפרייטן פוילן, און פאר די אידן אין רומעניע. און כאטש לעצטנס ווערט אין „פארווערטס" געשריבן פיל וויינציגער ווי פריער וועגן דעם, אז עס זיינען שוין מער ניטא קיין אידן אין אייראפע, דאך ווערט די אלטע ליניע פארגעזעצט. א ביסעלע פארזיכטיגער און אויף אן אומדירעקטן אופן ווערט אנגעפירט א קאמפאניע פון פיינטשאפט און סאבאטאזש געגן די באוועגונגען פון די אמעריקאנער אידן צו ארגאניזירן ארבעט פון הילף און אויפבוי פאר דעם אידישן לעבן אין די באפרייטע לענדער.

## די כאנינס טשעפען זיך צום פאלעסטינער ישוב

די „פארווערטס"־פירערשאפט האט אויך אנגעהויבן צו מאכן צרות דעם אידישן ישוב אין פאלעסטינע. דער געדאנק דערב ייאיז צו שטערן דעם וואוקס פון אידישער איינגקייט אויך אין אמעריקע, איבערהויפט צווישן די ציוניסטן און ניט־ציוניסטן. די היפאקריטישע און צוויי־פנימ'דיגע פאזיציע פון די „פארווערטס"־פירער בנוגע דעם ישוב אין פאלעסטינע איז גוט באקאנט. אין תוך איז די שטעלונג פונעם „פארווערטס" און דער הערשנדער גרופע אין אידישן ארבעטער־קאמיטעט צום פאלעסטינער ישוב די זעלבע וואס די שטעלונג פון די בונדיסטישע עמיגראנטן־פירער אין אמעריקע, דאס הייסט, אומבאגרענעצטע פיינטשאפט און אומפאראנטווארטלעכקייט צו דעם ישוב.

אוודאי האט דער „פארווערטס" אויך א פאר פראפעסיאנעלע „ציוניסטן". ראגאף איז איינער פון זיי. פון צייט צו צייט ברענגט מען

אַרויס די דאָזיגע כלומרשטע ליבהאָבער פון ציוניזם, אָבער דאָס ווערט געטאָן בלויז פאַר ספּעציעלע צוועקן, ווען מען דאַרף אָנפאַלן אויף די ציוניסטישע פירער פאַר דעם וואָס זיי פירן דורך אַ ליניע פון אידישער איינינקייט. אין אַנדערע ווערטער, מען לויבט דעם ישוב ווען מען וויל אַטאַקירן די ציוניסטן. אָט דאָס איז גענוי וואָס די „פאָרווערטס"־פירער טוען איצט, ווען זיי ווילן אַריינשלעפּן דעם ישוב אין זייער פאַר־ברעכערישער פּאָליטיק, און נוצן אויס פאַר דעם צוועק אַ נאַרישן און טאַקטלאָזן סטעיטמענט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון הער מערימינסקי, דעם פאַרטרעטער פון דער הסתדרות אין אַמעריקע.

דער הער מערימינסקי דאַרף פאַרטרעטן אין אַמעריקע די הסתדרות, דאָס הייסט, די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין פּאַלעסטינע, און נישט אירע אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן. עס איז דעריבער ניט זיין אויפגאַבע צו העלפן די פירער פון „פאָרווערטס" צו אַטאַקירן ציוניסטן אין דעם ישוב און אין אַמעריקע פאַר זייער פריינטשאַפט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַר דעם וואָס זיי שטיצן אַנטי־פאַשיסטישע און נאַציאָנאַלע אידישע איינינקייט. די אויסגעהאַלטענע אידישע אַנטי־פאַשיסטן אין אַמעריקע, צווישן זיי די קאָמוניסטן, זיינען אַנטשלאָסן צו העלפן דעם ישוב און זיין אַרבעטער־באַוועגונג אויף אַלע מעגלעכע אופנים. דאָס טוען איצט די אַרבעטער, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין דער פאָריערס יוניאָן. דאָס טוען די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וואָס באַלאַנגען צום אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן. מיר וואָלטן דעריבער ווען, אַז עס זאָלן נישט געלייגט ווערן קיין שוועריקייטן אין וועג פאַר אַמעריקאַנער הילף צום ישוב און צו דער הסתדרות. דערפאַר ווילן מיר ספּעציעל אונטערשטרייכן, אַז די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע זאָלן זיך ניט לאָזן פּראָוואָצירן פון דער אַנטי־קאָמוניסטישער און אַנטי־איינינקייט דערקלערונג פון דעם הער מערימינסקי, אַ דערקלערונג וואָס קוקט אויס גלייך ווי דער „פאָרווערטס" וואָלט זי באַשטעלט. די אידישע אַרבעטער זאָלן נעמען אַכט פון דער דערקלערונג און פאָרזעצן זייער אַרבעט פון הילף פאַר דעם ישוב און פאַר דער הסתדרות.

מער ווי דאָס. מיר האַלטן, אַז די „פאָרווערטס"־פּראָוואָקאַציעס געגן דעם ישוב און געגן דער הסתדרות, די פאַרזוכן פון דער „פאָר־ווערטס"־פירערשאַפט אָנצוגרייפן די איינינקייט צווישן ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, צווישן קאָמוניסטן און ניט־קאָמוניסטן, אין דעם ישוב און אין אַמעריקע, — אַז די דאָזיגע פאַרברעכערישע פאַרזוכן פונעם „פאָרווערטס" מוזן באַקעמפט ווערן אויף דעם ענערגישסטן אופן. דאָס הייסט אויך, אַז די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן פון אַמעריקע

דארפֿן אַנטוויקלען ענערגישע אַרבעט צו ברענגען דעם ישוב אַלע מעגלעכע הילף, מאַטעריעלע און פּאָליטישע, אין איינקלאַנג מיט דער פּאָליטיק פֿון אַמעריקע און לטובת אַ שטאַרקער אידישער אַנטי־פֿאַשיסטישער און נאַציאָנאַלער איינ־יגקייט.

עס איז קלאָר, אַז די „פֿאָרווערטס״־פֿירער זוכן אויפֿצובורען אַן אַנטי־סאָוועטישע און „רעד־בעיטערישע״ קאַמפּאַניע אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּאַלעסטינע. פֿאַר דעם צוועק האָט זיך דער „פֿאָרווערטס״ גענומען דערמוטיגן און אויפֿהעצן די אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פֿון דעם פּאַלעסטינער ישוב. מיר קריגן דעם איינדרוק, אַז איינ־יגע פֿון די דאָזיגע אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פֿון דעם ישוב זיינען זייער ענלעך אויף די דובינסקיס, און האָבן די זעלבע באַגריפֿן וועגן דעם וואָס עס הייסט אמת׳ע טרעיד־יוניאָן דעמאָקראַטיע און אמת׳ע אַרבעטער־איינ־יגקייט, באַגריפֿן וואָס דערלויבן די דובינסקיס צו שטיצן דעם אַנטיסעמיט דזשאָן ל. לואיס און באַקעמפֿן די טרעיד־יוניאָנס אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

אין אַנדערע ווערטער, דובינסקי און דער „פֿאָרווערטס״ ברייטערן זיך אויס, אַזוי צו זאָגן, און דרינגען אַריין אין דער הסתדרות מיטן צוועק אַריינצוברענגען אַהין זייער שפּאַלטערישע אַנטי־סאָוועטישע און „רעד־בעיטערישע״ מאַנעוורע, פּונקט ווי זיי האָבן דאָס געזוכט צו טאָן אין איטאַליע. מיר קריגן דעם איינדרוק, אַז דער „פֿאָרווערטס״ האָט זיך פֿאַר־מאָסטן אַריינצוציען דעם ישוב אין פּאַלעסטינע און איבערהויפּט די הסתדרות אין דער „פֿאָרווערטס״־בוליט־פֿאַרשווערונג. אָט דערפֿאַר, טאַקע, ווערט דער ענין אַ ביסל ערנסט. און טאַקע דערפֿאַר דאַרפֿן די אידישע איינ־יגקייט־כחות אין אַמעריקע און אין דעם ישוב זוכן מיט אַלע מיטלען אָפּצושטעלן די דאָזיגע „פֿאָרווערטס״־פֿאַרשווערונג אין דעם ישוב.

דאָס וואָס דער „פֿאָרווערטס״ האָט זיך גענומען אַריינמישן אין פּאַלעסטינע, זוכנדיק אַרויפֿצוצווינגען אויף דער הסתדרות אַ פּאָליטיק פֿון שפּאַלטונג און אַנטי־סאָוועטיזם, באַצוועקט צוויי זאַכן. ערשטנס, וויל דער „פֿאָרווערטס״ אָפּשטעלן די ווייטערדיגע אַנטוויקלונג פֿון אידישער נאַציאָנאַלער און אַרבעטער־איינ־יגקייט אין דעם ישוב גופא, און צווייטנס, צו פֿאַרשטאַרקן דעם קאַמף געגן אידישער און אַרבעטער־איינ־יגקייט אין די פֿאַראייניגטע שטאַטן.

שוין ביי דער באַסטאָנער קאָנווענשאָן פֿון דער אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן האָט די דובינסקי־„פֿאָרווערטס״־פֿירערשאַפֿט אַוועקגעלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר אַ פֿאַרשטאַרקטן קאַמף געגן אַלע פֿאָרמען פֿון אַנטי־פֿאַשיסטישער איינ־יגקייט, צי דאָס איז

אַרבעטער־אייניגקייט, אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע אייניגקייט, אָדער אידישע פאָלקס־אייניגקייט. דאָרטן ביי דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָט מען זיך צוגעגרייט פאַר דער איצטיקער „פאָרווערטס״־בוליט־קאַמפּאַניע פאַר אַ דריטער וועלט־מלחמה, וואָס דאָס פאַרלאַנגט אַז מען זאָל שטיצן אַ באַלדיגן וויכן שלום פאַר דייטשלאַנד און אַ ברוך אין דעם בונד פון די פאַראייניגטע מלוכות.

עס איז אמת, אַז ביי דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן פון דער אַי־על־דזשי־דאָבליו־יו האָט מען אויך אינדאָרסירט די ווידער־דערוויילונג פון פרעזידענט רוזוועלט, און דאָס איז זיכער געווען אַ גרויסער זיג פאַר דער מיטגלידערשאַפט פון דער יוניאָן, וועמעס דרוק אין דעם פּרט איז געווען אַנטשיידנדיג. אָבער וואָס איז אַרויסגעקומען פון דעם אַלעם? עס איז אַרויסגעקומען אַ גרופּע ווידערשפּרעכלעכע פּאַליסיס, וואָס איינע שוואַכט אָפּ און איז מבטל די אַנדערע. אין בעסטן פאַל ווערט די פּראָ־רוזוועלט־שטעלונג פון דער אַי־על־דזשי־דאָבעליו־יו זייער ערנסט אָפּגעשוואַכט און צייטנווייז אינגאַנצן בטל פון דעם בוליטיזם און די בוליט־אַקטיוויטעטן פון דער „פאָרווערטס״־פירערשאַפט. אין ערגסטן פאַל, ווערט די קאַמ־פּאַניע פאַר דער ווידער־דערוויילונג פון פּרעזידענט רוזוועלט דירעקט געשטערט דורך דעם, וואָס די פירערשאַפט פון דער אַי־על־דזשי־דאָבעליו־יו דערמוטיגט און שטיצט די פּאַליסיס פון אַזעלכע שונאים פונעם פּרעזי־דענט, ווי מעקאָרמיק, דזשאָן ל. לואיס, פּעטערסאָן, הוירסט, הואווער, בריקער און דיואי.

באַטראַכט דאָס פאָלגנדיגע. יעדער שונא פון רוזוועלט׳ן זוכט צו מאַכן אַ גרויסע וואַל־קאַמפּאַניע אישו פון אַ גרויסן היטלערישן ליגן, אַז עס עקזיסטירט כלומרשט אַ הילמאַן־בראַודער־בונד וועלכער זוכט צו דאָמינירן די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און צו פאַרכאַפּן די רעגירונג פון אַמעריקע. פאַשיסטן און אַנטיסעמיטן, וועלכע קומען זיך איצט צונויף צו שטיצן דיואי׳ן און בריקער׳ן, האָבן באַפּוצט דעם דאָזיגן ליגן מיט אַזעלכע אַנטיסעמיטישע פּליטערלעך, ווי, צום ביישפּיל, אַז דער בונד פון הילמאַן און בראַודער איז „אַ קאָמבינאַציע פון אידן און קאָמוניסטן״. אַזוי אַרום האָבן מיר פאַר זיך אַ טיפּישן היטלער־מעטאָד פון פּאָליטישער סטראַטעגיע.

אָבער זאָגט נאָר, ווער איז דאָס געווען דער אָריגינעלער דערפינדער פון דעם ליגן, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ זאַך ווי אַ הילמאַן־בראַודער בונד וואָס זוכט צו דאָמינירן די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי? איך בין זיכער, אַז איר ווייסט דעם ענטפער. דער ענטפער איז — די דובינסקי־„פאָר־ווערטס״־פירערשאַפט. זיי זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן צו־

נעגרייט פאַר דיואַי'ן דעם דאָזיגן ליגן אַלס אַן אישו געגן רוזוועלט'ן. זיי זיינען דאָס געווען די ערשטע, וועלכע האָבן אָנגעפאַנגען די פאַר־ברעכערישע קאַמפּאַניע געגן הילמאַנ'ען, די קאַמפּאַניע וואָס איצט האָט זי איבערגענומען לואיס, בריקער און דיואַי, און וואָס די אַנטיסעמיטישע און פאַשיסטישע שטיצער פון דעם דיואַי־טיקעט האָבן שוין פאַרוואַנדלט אין אַ רעגולערער היטלערישער אַטאַקע געגן דעם וואָס זיי רופן „די רוז־וועלט־קאָמבינאַציע פון אידן און קאָמוניסטן".

אַזוי אַרום האָבן מיר נאָך איין צוויי־פּנים'דיגע „פאָרווערטס"־פּאָזיציע, וועלכע דינט אין דער פּראַקטיק די קרימינעלע פאַרשווערונגען געגן די אינטערעסן פון לאַנד, פון די בוליטס, די מעקאָרמיקס און די הוירסטס.

## וועגן דעם סטאָלבערג־דובינסקי פּאַסקוויל אויף דער אַי־על־דזשי־דאַבליו־יו

מיר באַמערקן אויך, אַז די פירערשאַפט פון דער אינטערנעשאַנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן האַלט אין איין פאַרשטאַרקן אירע פאַרזוכן צו אונטערדריקן די אינערלעכע דעמאָקראַטיע פון דער יוניאָן, וואָס דאָס איז זייער נאַטירלעך פאַר אַ רעזשים, וואָס גייט אין דער ריכטונג פון אַ בוליט־אָריענטאַציע, אָבער איז זייער געפערלעך פאַר דער גאַנצקייט און איינִיגקייט פון דער יוניאָן. אַזאַ אַקט ווי די סוספּענדירונג פון אַ גרופּע און רענק און פאַיל פירער פון לאָקאַל 10 פאַר דעם וואָס זיי האָבן פאַרטיידיגט די אינטערעסן פון אַרבעטער־איינִיגקייט, איז אַ געפערלעכער סימפּטאָם. עס באַווייזט, אַז די דובינסקי־פירערשאַפט ווערט פאַרצווייפלט, און דאָס דאַרף אונז באַאומרואיגן.

פון ספּעציעלער באַדייטונג און וויכטיגקייט זיינען די אַנטוויקלונגען אַרום דעם שוויינערישן בוך פון סטאָלבערגן. עס איז שוין איצט קלאָר, אויך פאַר אַזעלכע פירער פון דער אַי־על־דזשי־דאַבעליו־יו ווי ברעסלאַו, און אַפילו זימערמאַן, אַז דער דאָזיגער בוך איז ניט בלויז אַן אומ־שולדיגער פאַרזוך צו באַפּוצן דובינסקי'ן אויפן חשבון פון אַנדערע פירער, איצטיגע און פאַרגאַנגענע. ניין, דאָס איז אַ פיל ערנסטער און געפער־לעכער ענין.

סטאָלבערג'ס בוך דאַרף דינען דער דובינסקי־פירערשאַפט אַלס אַ פּראָגראַם אויף צו מאַכן די יוניאָן זיכער פאַר דער הערשאַפט פון דער „פאָרווערטס"־פירערשאַפט. דאָס פּראָגראַם פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אַנט־וואָפענען און שפּעטער פאַרניכטן יעדן איינעם פון די אַקטיווע און פירנ־דיגע מיטגלידער אין דער יוניאָן וועלכער דינט ניט גאַנצע הונדערט

פּראָצענט דער אינעווייניגסטער קליקע פון דער דובינסקי־„פאָרווערטס"־פירערשאַפט. דאָס איז געצילט ניט נאָר געגן קאָמוניסטן און קאָמוניסטישע סימפּאַטיקער, און אַפילו ניט הויפּטזאַכלעך געגן זיי, מחמת די דובינסקי־פירערשאַפט פירט שוין אַ לאַנגע צייט אָן אָן אָפענע מלחמה געגן די דאָזיגע איינִיגקייט־עלעמענטן. דער סטאָלבערג־בוך און זיין פּראָגראַם פון אַנטוואָפענען און אונטערדריקן דובינסקי'ס געגנער, איצטיגע אָדער מעגלעכע, איז געצילט גענוי געגן אַזעלכע פירער ווי ברעסלאַו און זימערמאַן און די וועמען זיי רעפּרעזענטירן. עס איז געצילט געגן יענע, וואָס זיינען אַ טייל פון דער פירערשאַפט פון דער יוניאָן, אָבער באַלאַנגען ניט צו דער אינעווייניגסטער „פאָרווערטס"־קליקע און פאַרמאָגן אַזוי אַרום אַ געוויסע מאָס פרייהייט פון האַנדלונג.

פאַר דער דאָזיגער פרייהייט פון האַנדלונג האָט די דובינסקי־„פאָרווערטס"־פירערשאַפט זייער מורא. די צייטן היינטיגע זיינען זייער ניט קיין זיכערע פון שטאַנדפּונקט פון „פאָרווערטס". זאַכן בייטן זיך און מענטשן בייטן זיך אויך און די נייגונג איז זיך צו בייטן אין אַ ריכטונג וואָס דער „פאָרווערטס" האָט ניט ליב. נעמלעך, אין דער ריכטונג פון פאַראייניגטן קאַמף געגן פאַשיזם און פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער סטראַטעגיע און דעם גייסט פון טעהעראַן. אַזעלכע פירער ווי ברעסלאַו, און אויך זימערמאַן, זיינען אין אַ לאַגע וואו זיי קאָנען, אויב זיי ווילן, ענדערן זייערע שטעלונגען אין געוויסע פראַגן, צי דאָס וועט געפעלן דובינסקי'ן, צי ניין. און דערפאַר האָט דובינסקי, אַפּנים, באַשלאָסן אַז מען דאַרף פאַרניכטן ברעסלאַו'ס פּרעסטיזש און אַ קלאַפּ טאָן איבער זימערמאַנ'ס איינפלוס. די האָפענונג דערביי איז אַזעלכע: אויב ברעסלאַו און זימערמאַן וועלן זיך ניט וועלן אונטערגעבן און זיך אונטערוואַרפן פולשטענדיג דער הערשאַפט פון דער „פאָרווערטס"־קליקע, דעמאָלט וועט שוין ניט אָנקומען זייער שווער צו באַזייטיגן אינגאַנצן די דאָזיגע מענטשן פון איינפלוס אין דער יוניאָן. און אָט דאָס טאַקע איז דער צוועק פון סטאָלבערג'ס בוך: פּרובירן צו פאַרניכטן דעם איינפלוס פון אַזעלכע מענטשן ווי ברעסלאַו און זימערמאַן, אַלס פירער פון דער יוניאָן, און דאָס זאָל זיין אַן אָנפאַנג פאַר דעם, אַז מען זאָל נאָכדעם קאָנען אינגאַנצן אונטערדריקן די דאָזיגע מענטשן, זיי און זייערע נאָכפאָלגער.

מען דאַרף אויך אונטערשטרייכן, אַז סטאָלבערג'ס בוך איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען. אָבער וואונדערן זיך איז ניטאָ וואָס. מענטשן וואָס קאָנען מיטאַרבעטן מיט דעם פאָטער קאָרען פון דעם „טאַבלעט" און מיט דזשאָן ל. לואיס, קאָנען זיך אויך פאַרגינען אָנצושרייבן אָדער אינספּירירן אַן אַנטיסעמיטישן בוך, כאָטש געשריבן

האָט עס אַ אידישער קוויזלינג. פאַרבײַגײענדיג, איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין איטאַליע, צום בײַשפּיל, האָט דער געוועזענער מוסאָליני־רעזשים אויפגעבאָוועט אַ גאַנץ היבשע גרופּע אידישע קוויזלינגס, וועגן וועלכע עס האָט געהערט ניט לאַנג צוריק דער הויפּט־רב פון דער אידישער געמיינדע אין רוים, פאַרלאַנגענדיג אַז מען זאָל די קוויזלינגס באַשטראָפן פאַר זייער מיטאַרבעט מיט די נאַצים און פאַשיסטן.

עס איז זיכער, אַז די מיטגלידערשאַפט פון דער אי־על־דזשי־דאָבעליו־יו וועט אונטער קיינע אומשטענדן ניט שטיצן די דובינסקי־מאַנעוורע צו פאַרניכטן דעם פּרעסטיזש פון אַזעלכע מענטשן ווי ברעסלאָו. די מיטגלידערשאַפט האָט קיין שום אינטערעס ניט צו העלפן דובינסקי׳ן פאַרניכטן זימערמאַנען. וואָס פאַר אַ קריטיק די קאָמוניסטן און אַנדערע אויסגעהאַלטענע אַנטי־פאַשיסטן אין דער יוניאָן עס האָבן געמאַכט און מאַכן איבער געוויסע פאָליסים פון ברעסלאָו׳ן, און ספּעציעל פון זימערמאַנ׳ען, האָבן זיי שוין געמאַכט גאַנץ קלאָר זייער אַנטריסטונג מיט סטאָלבערג׳ס שווינערישן און געפערלעכן בוך. זיי האָבן קלאָר געמאַכט, אַז דאָס איז אויך דובינסקי׳ס בוך, אַז דאָס איז אַ פאַרשווערונג פון דער „פאַרוועטס"־דובינסקי־פירערשאַפט. עס פאַרשטייט זיך, אַז די פּראָגרעסיווע אייניגקייט־כחות אין דער יוניאָן, קעמפנדיג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אייניגקייט אין דער אי־על־דזשי־דאָבעליו־יו, וועלן שטיצן מיט אַלע כחות יעדע קאָנסטרוקטיווע האַנדלונג פון אייניגקייט, וואָס ברעסלאָו אָדער זימערמאַן וועלן אויפנעמען צו פאַרטיידיגן זייער כבוד און זייער לאַגע אין דער יוניאָן.

נאַטירלעך, קאָנצענטרירן זיך די מיטגלידער פון דער אי־על־דזשי־דאָבעליו־יו, און ספּעציעל די פּראָגרעסיווע אייניגקייט־כחות, אויף דער קאַמפּאַניע צו ווידער־דערוויילן פּרעזידענט רוזוועלט. זיי זוכן צו זען, אַז די אי־על־דזשי־דאָבעליו־יו זאָל מאָביליזירן אַלע אירע כחות פאַר דעם זיג פון רוזוועלט׳ן אין די וואַלן. דאָס איז ניט קיין גרינגע אויפגאַבע, מחמת די הערשנדיגע פירערשאַפט אין דער יוניאָן פירט דורך אַ ווידערשפּרעכלעכע און צוויי־פּנים׳דיגע פּאָליטיק. פון איין זייט האָט מען פאַרשפּראָכן צו אַרבעטן פאַר רוזוועלט׳ס ווידער־דערוויילונג, און פון דער אַנדערער זייט פאַרבינדט מען זיך מיט רוזוועלט׳ס שונאים צו באַקעמפן און סאַבאָטאַזשירן דעם פּרעזידענט׳ס פּאָליטיק. דעריבער, מוזן די מיטגלידער פון דער יוניאָן זיך אָנלייגן אויף דעם דאָזיגן פּונקט — צו פאָדערן און אַרויפצווינגען אויף די פירער, אַז די אי־על־דזשי־דאָבעליו־יו זאָל דורכפירן אַן אומפּאַרטייאישע קאַמפּאַניע פאַר רוזוועלט׳ן, אַז זי זאָל מאָביליזירן אַלע אירע מעגלעכקייטן פאַר דעם צוועק, זאָל אַריינציען די גרעסטע צאָל מיטגלידער פון דער יוניאָן אין דער וואַל־

קאמפאניע, און זאָל דורך מעשים בייטראָגן איר גרויסן איינפלוס צו רוזוועלט'ס זיג אין די וואַלן.

עס איז אָבער גלייכצייטיג קלאָר, אַז אָנשטאָט זיך אַ קער צו טאָן אין דער ריכטונג פון אַרבעטער־איינינקייט, האָט די דובינסקי־פירערשאַפט אין דער אַי־על־דזשי־דאָבעליו־יו פאַרשטאַרקט אירע מאַנעווערס געגן איינינקייט. דאָס ווערט געטאָן אין איינקלאַנג מיט די נויטן פון דער „פאָרווערטס"־בוליט־ליניע, וועלכע זוכט צו פּראָוואָצירן און צוגרייטן אַ נייע וועלט־מלחמה, אַ מלחמה געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און געגן אַלע דעמאָקראַטישע אַנטי־פאַשיסטישע כחות סיי דאָ, סיי אין אַנדערע לענדער.

# III. איינינקייט און אַקציע צווישן די אַמעריקאַנער אידן

די אַנטי־פאַשיסטישע איינינקייט־באַוועגונגען און האַנדלונגען פון דער איבערוועלדיגנדער מערהייט פון די אַמעריקאַנער אידן, שטייען אין שאַרפסטן קאָנטראַסט צו די פאַררעטערישע טעטיגקייטן פון אונזערע קוויזלינגס. אָדער נאָך ריכטיגער געזאָגט, דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער אידנ־טום איז איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן די מלחמה־אינטערעסן פון אונזער לאַנד און דעם קאַמף געגן פאַשיזם, און די קוויזלינגס זיינען דער אויסנאַם. און כאָטש זיי זיינען געבוירן געוואָרן אידן, באַלאַנגען זיי ניט צום אידישן פאָלק.

היינט צו טאָג עקזיסטירט צווישן די אַמעריקאַנער אידן אַ פיל העכערע מדרגה פון איינינקייט, פון אַרבעטן אינאיינעם אַלס אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער איינינקייט, פאַר אַ זיג פון אונזער לאַנד, פאַר דעם פּראָגרעס און פאַר דער צוקונפט פון דער אַמעריקאַנער נאַציע, פאַר דער פרייהייט און גליק פון דעם אידישן פאָלק אומעטום. עס עקזיס־טירט איצט אויך אַ העכערע מדרגה פון אַנטי־פאַשיסטישער אידישער איינינקייט צווישן די אַמעריקאַנער אידן און די סאָוועטישע אידן, אַן איינינקייט וואָס איז פיל געשטאַרקט געוואָרן דורך דעם היסטאָרישן באַזוך פון מיכאָעלס און פעפער אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

וואָס אָנבאַלאַנגט די באַציאונגען מיטן ישוב אין פּאַלעסטינע, איז נויטיג צו באַמערקן, אַז מער אידן ווי פריער נעמען היינט אַ טיפן אינ־טערעס אין די פּראָבלעמען און אין דער צוקונפט פונעם ישוב און ווילן העלפן זיין וואוקס און אויפבוי. נייע מעגלעכקייטן האָבן זיך איצט גע־עפנט פאַר די אַמעריקאַנער אידן צו העלפן און מיטאַרבעטן מיט די

אידן פון באַפרייטע טיילן פון פּוילן און אין גיכן פון גאַנץ פּוילן. ענלעכע מעגלעכקייטן האָבן זיך געעפנט פאַר אונז בנוגע די אידן אין רומעניע און בולגאַריע, און מיר זיינען זיכער, אַז אין גיכן אויך בנוגע די אידן פון די אַנדערע טיילן פון מזרח, מזרח־דרום און צענטראַל־אייראָפּע. מיט די אידן פון מערב־אייראָפּע עקזיסטירן שוין די מעגלעכקייטן פאַר פאַר־בינדונגען און מיטאַרבעט.

עס איז זייער ווינטשנסווערט, אַז די מיטאַרבעט צווישן די אַמערי־קאַנער אידן און די קאַנאַדער אידן זאָל אַנטוויקלט ווערן אויף אַ ברייטערן אופן, ווי אויך די מיטאַרבעט מיט די ענגלישע אידן. אין די קומענדיגע חדשים און יאָרן וועט זיין זייער וויכטיג צו אַנטוויקלען די מיטאַרבעט צווישן די אידישע קיבוצים אין לאַטיין־אַמעריקע, קיבוצים וואָס דאַרפן פאַרנעמען אַ פּלאַץ פון גרעסערער וויכטיגקייט און איינפלוס אין דער אידישער איינינקייט. אָבער וויכטיגער פון אַלץ איז די פּראָבלעם פון ווייטער אַנטוויקלען ענגע פאַרבינדונגען צווישן די אַמעריקאַנער און סאָוועטישע אידן. עס איז שוין לאַנג קלאָר געווען און דאָס ווערט קלאָרער פון טאָג צו טאָג, אַז די צוקונפט פון אידישן פאָלק אומעטום וועט אָפּ־הענגען אין אַ גרויסער מאָס פון דער פאַראייניגטער אַרבעט פון די צוויי גרעסטע אידישע ישובים אין דער וועלט — אין אַמעריקע און אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס צווישןביידע נעמען זיי אַרום פינף־זעקסטל פון דעם אידישן פאָלק.

צווישן די באַלדיגע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר די אַמעריקאַנער אידן היינט צו טאָג, מוז מען זיך קאָנצענטרירן אויף די פאָלגנדיגע:

**1. צו פאַרזיכערן דעם זיג און אָרגאַניזירן דעם פרידן.** — די אידן פון אַמעריקע, אַלס אַמעריקאַנער און אַלס אידן, האָבן די אויפ־גאַבע צו טאָן אַלץ אין זייערע כחות, אינאיינעם מיט אַלע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן, צו זען אַז אונזער לאַנד זאָל געווינען און פאַרזיכערן אַ פול־שטענדיגן זיג. עס איז אויך אונזער אויפגאַבע צו זען, אַז אַמעריקע זאָל שפּילן אַ פירנדיגע ראָלע אין אָרגאַניזירן און אויפהאַלטן אַ דויערנדיגן פרידן, צוזאַמען מיט אונזערע גרויסע פאַרבינדעטע, דער סאָוועטן־פאַר־באַנד, ענגלאַנד און כינע, אַלס די פירער פון די פאַראייניגטע מלוכות.

**2. מען דאַרף באַקעמפן די אַגיטאַציע פאַר אַ ווייכן שלום און די „פאָרווערטס"־בוליט־קאַמפּאַניע פאַר אַ נייער מלחמה.** — מען מוז פירן אַן אומ'ברחמנות'דיגן קאַמף געגן דער היטלערישער אַגיטאַציע פאַר אַ ווייכן שלום, און געגן דער „פאָרווערטס"־בוליט קאַמפּאַניע אַלס אַ גאַנצע, מחמת זיי שטעלן אין געפאַר אונזער זיג און דעם שלום נאָך דעם

זיג. דאָס וואָס אַ גרופּע אידישע קוויזלינגס, די „פאָרווערטס"־פירערשאַפט, שפּילט אַן אַנגעזעענרע ראָלע אין די דאָזיגע קאַמפּאַניעס, מאַכט ספּעציעל נויטווענדיג אַז די אידישע אַרבעטער און אַלע אַמעריקאַנער אידן זאָלן ענערגיש פאַרדאַמען און באַקעמפן די דאָזיגע האַנדלונגען פונעם „פאָרווערטס", וועלכע זיינען באמת־גערעדט אַ פאַרראַט צו אַמעריקע און צום אידישן פאָלק. די אַמעריקאַנער אידן דאַרפן פאָדערן, אַז די „פאָרווערטס"־פירערשאַפט זאָל אויפהערן די דאָזיגע פאַרברעכערישע שפּיל און זאָל אָפּברעכן אירע פאַרבינדונגען מיט די בוליטס און ענלעכע פּראָ־פאַשיסטישע עלעמענטן. עס איז די אויפגאַבע פון די אַמעריקאַנער אידן, פּונקט ווי פון אַלע פּאַטריאָטישע אַמעריקאַנער, אָפּצושטעלן און באַזיגן די בוליט־קאַמפּאַניע פאַר אַ נייער מלחמה.

### 3. אַ נייע שטופּע אינעם קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם. —

אַ דאַנק דער פירערשאַפט פון פּרעזידענט רוזוועלט, האָבן אַלע פּאַטריאָטישע אַמעריקאַנער גענומען אָנערקענען, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אי זאַ היטלער־געווער און איז אַ געפאַר פאַר דער פרייהייט פון אַלע פעלקער. עס איז איצט אָנערקענט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם שטעלט אין געפאַר די איינהייט און דעמאָקראַטיע פון אַמעריקע. אַ דאַנק דעם איז דער קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע אויפגאַבע פון אַלע אַמעריקאַנער, אָפּגעזען פון זייער ראַסע, קאָליר, רעליגיע, אָדער נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם. אַזוי אַרום, האָבן מיר איצט אַ נייע שטופּע אין דעם קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם.

גלייכצייטיג אָבער איז געוואַקסן די געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע, ווי דאָס האָט באַשטעטיגט דער סופרים־קאָורט ריכטער פרענק דזש. מורפי, וועלכער האָט דערקלערט, אַז אָרגאַניזירטער אַנטיסעמיטיזם, איינער פון די געפערלעכסטע נאַצי־וואָפן, וועט דאַרפן ענערגיש באַקעמפט ווערן אויך נאָך אונזער מיליטערישן זיג. מיר זעען שוין איצט, ווי אַנטי־סעמיטישע כחות באַמיען זיך אָנצושרעקן די אַמעריקאַנער אידן, אַז זיי זאָלן ניט שטימען פאַר דער ווידער־דערוויילונג פון פּרעזידענט רוזוועלט. מיר זעען, ווי אַ סך רעפּובליקאַנער פּאָליטישנס נוצן אויס די דאָזיגע לאַגע פאַר זייערע אייגענע פּאַרטיי־צוועקן און טראָגן אפילו אַליין אַריין אין דער וואַל־קאַמפּאַניע געוויסע אַנטיסעמיטישע מאָמענטן, ווי צום ביישפּיל, די אַטאַקעס אויף הילמאַנ'ען.

מיר זעען אויך, אַז דיואי און בריקער באַנוגענען זיך בלויז מיט אַ פאָרמעלער דערקלערונג געגן דעם, אַז מען זאָל אַריינברענגען ראַסן־פראַגן אין די וואַלן, וואָס דאָס מיינט באמת גאָר גאָרנישט. דער רעזולטאַט דער־

פון איז, אַז די אַנטיסעמיטישע עלעמענטן אין אַמעריקע ווערן מער אַקטיוו, וואָס דאָס מיינט, אַז דער קאַמף געגן זיי ווערט מער דרינגענד און מער נויטיג. דאָס איז אויך די שטעלונג פון אַלע פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער פירער, פון פיל פּראָטעסטאַנטישע און קאַטוילישע גלחים און אויך פון אַלע אידישע פירער, איינגעשלאָסן ראַבאַי וויז. דער אויסנאַם זיינען די פירער פון „פאָרווערטס", די אידישע קוויזלינגס, וואָס הערן ניט אויף צו טענה׳ן, אַז מען טאָר ניט „איבערטרייבן" די געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם, און גלייכצייטיג האַלטן זיי אָן זייערע פאַרבינדונגען מיט דעם אַנטיסעמיטישן „טאַבלעט" אין ברוקלין.

די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האַלט זיך ביי דער פּאַליסי פון קאַמף געגן אַלע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער און ראַסן־אונטערדריקונג, האָט געגעבן אַ סך הילף און שטיצע דעם קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם און ספּעציעל דעם קאַמף געגן דיסקרימינאַציעס ביים קריגן באַשעפטיגונג, און פאַר דעם אַז מען זאָל איינשטעלן אַ פּערמאַנענטע „פעיר עמפּלאָימענט פּרעקטיסעס קאָמישן". ווי באַקאַנט, האָט פּרעזידענט רוזוועלט זיך שטאַרק איינגעשטעלט פאַר דעם דאָזיגן פאָרשלאַג.

סיי די יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל. און סיי די יוניאָנס פון דער סי־אַי־אָ, איבערהויפּט די סי־אַי־אָ, האָבן נישט נאָר געשטיצט פאַרשיידענע געזעצן געגן דער פאַרשפּרייטונג פון אַנטיסעמיטיזם דורך דער פּאָסט, אָט ווי צום ביישפּיל, דער לינטש־ביל. די יוניאָנס זיינען אויך געקומען צו פאַרטיידיגן די בילס אין די ספּעציעלע קאָמיסיעס פון קאָנגרעס. פיל פון די יוניאָנס פירן אָן ווירקזאַמע אויפקלערונגס־אַרבעט געגן אַנטיסעמיטיזם אין זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס און אינדוסטריען. די סי־אַי־אָ האָט אויך גוטגעהייסן דעם געדאַנק, אַז אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע זאָל געשטעלט ווערן אויסערן געזעץ. די קאָמוניסטישע פּאָליטישע אַסאָסיאַציע, דורך רעזאָלוציעס און אַ ריי מאַסן־אַרבעטן, האָט געגעבן באַדייטנדיגע הילף דעם קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם און האָט אַ סך ביגעטראָגן צו דעם, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג און דאָס אַמעריקאַנער פאָלק בכלל זאָלן אָנהויבן אויפנעמען דעם קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם אַלס אַן אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע.

פון ספּעציעלער וויכטיגקייט און באַדייטונג איז געווען די אָרגאַניזירונג פון דעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט געגן נאַצי־פאַרפאָלגונגען אויף אידן, פון וועלכן דער סופרים־קאָורט ריכטער מוירפי איז דער פאָרזיצער. ווי באַקאַנט, איז דאָס אַ נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט פון אָנגעזעענע אַמעריקאַנער קריסטן פון פאַרשיידענע פּאָליטישע טענדענצן, וועלכע האָט באַשלאָסן איצט צו אָרגאַניזירן אָפּטיילונגען אין אַ גאַנצער ריי שטעט. עס

איז נויטיג, אַז די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג און אַלע אַנדערע פּראָגרעסיווע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס זאָלן אָנהאַלטן פאַרבינדונגען און אַנטוויקלען אַ מיטאַרבעט מיט דעם דאָזיגן קאָמיטעט, נאַציאָנאַל און לאָקאַל.

וויכטיגע טעטיגקייטן זיינען אָנגעפירט געוואָרן אין פאַרגאַנגענעם יאָר געגן אַנטיסעמיטיזם פון אַ ריי אידישע אָרגאַניזאַציעס. דאָ אָבער איז די הויפּט־צרה דאָס, וואָס ס׳איז ניט פאַראַן קיין געהעריגע איינִיגקייט און מיטאַרבעט. עס איז שוין איצט קלאָר, אַז די פאַראייניגטע קערפּערשאַפט, אין וועלכער עס גייען אַריין די אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע, דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס, די אַנטי־דעפעמעישאָן ליג פונעם בני ברית, און דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, און אין וועלכער עס זיינען אויך אָנגעשלאָסן אַ ריי וועלפעיר־פאָנדס און קאָמיוניטי־טשעסטס, די קערפּערשאַפט וועלכע רופט זיך מיט דעם נאָמען „נעשאָנאַל קאָמיוניטי רילעישאָנס עדוואַיזאָרי קאָונסיל״, — אַז די דאָזיגע קערפּערשאַפט האָט ניט אויסגעפילט איר דערקלערטע אויפגאַבע צו קאָאָרדינירן די אַרבעט פון אירע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס געגן אַנטיסעמיטיזם. דער פאַקט איז, אַז מען האָט די דאָזיגע קערפּערשאַפט איינגאַנצן ניט געזען אין דעם עפנטלעכן קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם. מען האָט אָבער יאָ געזען די אַקטיווע אַרבעט פונעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס און אין אַ מער באַגרענעצטן פעלד — פון דער אַנטי־דעפעמעישאָן ליג פונעם בני ברית. מען האָט אַפילו באַמערקט געוויסע פאַרזוכן פון דער אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, האָט ער געטאָן זייער וויכטיגע אַרבעט פאַר דעם לינטש־ביל און האָט פיל ביי־געטראָגן צום אַלגעמיינעם קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם דורך זיין נאַציאָ־נאַלער קאָנפערענץ לעצטן ווינטער. די אויסנאַם, ווידעראַמאָל, איז דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, וועמעס הויפּט־פירערשאַפט, כאָטש און דער „פאָרווערטס״, האַלט נישט, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַ געפאַר געגן וועלכער מען מוז שטאַרק קעמפן.

דער קאַמף צו שטעלן אַנטיסעמיטיזם אויסערן געזעץ אַנטוויקלט זיך זייער לאַנגזאַם. אויף דעם געביט האָט געשפּילט אַ וויכטיגע אויפקלערונגס־ראָלע און אויך די ראָלע פון פיאָנערן, דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט צו באַ־קעמפן אַנטיסעמיטיזם. דער דאָזיגער קאָמיטעט, פון אידן און ניט־אידן, זוכט צו געווינען שטיצע פאַר פעדעראַלער געזעצגעבונג, וואָס זאָל דערקלערן אַנטיסעמיטיזם פאַר אַ קרימינעלן פאַרברעכן. מען מוז אָבער אָנער־קענען, אַז אַפילו אין געוויסע פּראָגרעסיווע קרייזן עקזיסטירט נאָך אַלץ אַ פאָראורטייל געגן דעם, אַז מען זאָל אָננעמען געזעצן געגן אַנטיסעמיטיזם, און וועלכע ווילן זיך באַנוגענען בלויז מיט אויפקלערונגס־אַרבעט.

עס קוקט אוים ווי עס וואָלט עקזיסטירט אַ מורא, אַז מיט געזעצ־געבונג געגן אַנטיסעמיטיזם קאָנען זיך רעגירונגען באַנוצן כדי צו אונטער־דריקן די פרייהייט פון רעדע און פרעסע. אָבער די לאָגיק פון אַזאַ סאָרט שטעלונג איז אַזעלכע, וואָס וואָלט דערלויבט פאַשיסטן און אַנטיסעמיטן צו פאַרניכטן די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און די אַמעריקאַנער נאַציאָ־נאַלע איינִיקייט, אַבי נישט צוצונעמען פון פאַשיסטישע אַגענטן זייער אַזוי־גערופענע פרייהייט פון רעדע. און דער פאַקט איז, אַז די פאַשיס־טישע אַגענטן זוכן טאַקע מיט אַלע מיטלען צו צעמישן די מוחות פון גוט־מיינענדיגע מענטשן און צו שטאַרקן זייערע פאָראורטיילן געגן געזעצ־געצונג, וואָס זאָל פאַרבאָטן דאָס פאַרשפּרייטן פון אַנטיסעמיטיזם. דאָס האָט מען געקאָנט זען זייער קלאָר אויף די זיצונגען פון דער קאָמיטע פון קאָנגרעס, וואו מען האָט אויסגעהערט פאַרשיידענע דעלעגאַציעס וועגן דעם לינטש־ביל.

עס איז דעריבער נויטיג צו אַנטוויקלען אַ ברייטע קאַמפּאַניע צווישן דעם אַמעריקאַנער פאָלק וועגן דער וואַקסנדיגער געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם און פון אַלע אַנדערע ראַסן־העצעס און דיסקרימינאַציעס. אויף דעם באָדן דאַרף מען זוכן צו געווינען שטיצע פאַר געזעצגעבונג געגן דער פאַר־שפּרייטונג פון אַנטיסעמיטיזם און פאַר דעם, אַז מען זאָל פאַרבאָטן דעם אַנטיסעמיטיזם אינגאַנצן. אין דער דאָזיגער אַרבעט קאָן דער נאַציאָ־נאַלער קאָמיטעט צו באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם שפּילן זייער אַ וויכטיגע ראָלע. דער דאָזיגער קאָמיטעט קאָן זיין ספּעציעל נוצלעך דורך דעם, וואָס ער וועט פאַרזעצן זיין אַרבעט אַז עס זאָל אַריינגעבראַכט ווערן אין קאָנגרעס אַ געזעץ וואָס דערקלערט אַנטיסעמיטיזם אַלס אַ פאַרברעכן. די אַרבעט פון דעם דאָזיגן קאָמיטעט צווישן די טרעיד־יוניאָנס איז פון ספּעציעלער וויכטיגקייט און באַדייטונג.

דער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט זעצט פאָר צו דערפילן זיינע אויפ־גאַבן אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם. ער האָט געטאָן זייער וויכטיגע אַרבעט צו פּאָפּולאַריזירן דעם לינטש־ביל און דעם דיקשטיין־ביל און אויך צו אָרגאַניזירן אַלגעמיינע און טרעיד־יוניאָן שטיצע ספּעציעל פאַר דעם לינטש־ביל, אַרבעטנדיג אויף דעם געביט האַנט אין האַנט מיטן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. דער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט האָט אויך סטימולירט פאַרשיידענע לאָקאַלע באַוועגונגען און אַקציעס געגן אַנטיסעמיטישע אויסברוכן, ספּעציעל אין ניו יאָרק. מיר שטיצן פולשטענדיג די אַרבעט פון דעם קאָמיטעט און זיינען מסכים מיט זיין פּאָליסי פון העלפן אַרויסברענגען איינהייטלעכע האַנדלונגען געגן אַנטיסעמיטיזם מצד אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס און מיר באַגריסן

די גרייטקייט פון דעם קאָמיטעט זיך צו שטעלן אין דינסט און צו פאַר־אייניגן זיין ארבעט מיטן קאמף געגן אנטיסעמיטיזם פון אַלע אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס.

זייער וויכטיג אין דעם קאמף געגן אנטיסעמיטיזם אין פארגאַנגענעם יאָר זיינען געווען די פּילפאַכע לאָקאַלע טעטיגקייטן און אַקציעס צו באַ־קעמפן אָרטיגע אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס און אויסברוכן. אויף דעם געביט האָבן מיר געהאַט פאַראייניגטע אידישע באַוועגונגען פון אַ זייער ברייטן כאַראַקטער און אויך וויכטיגע גרופּן און באַוועגונגען פון פאַר־שיידענע רעליגיעס. עס איז קלאָר, אַז די דאָזיגע לאָקאַלע און אָרטיגע באַוועגונגען זיינען פון דעם גרעסטן ווערט פון שטאַנדפּונקט פון באַ־קעמפן און אָפּשטעלן אַנטיסעמיטישע אַנטוויקלונגען און אויסברוכן פון אַן אָרטיגן כאַראַקטער. זיי זיינען אויך פון גרויס ווערט פאַר דער אַנט־וויקלונג פון פאַרשיידענע אויפקלערונגס־קאַמפּאַניע סאין דעם קאמף געגן דער געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם.

## אַ פּראָגראַם פון אַקציע געגן אַנטיסעמיטיזם

עס איז דעריבער נויטיג, אַז מען זאָל זיך קאָנצענטרירן אויף די פאָלגנדיגע פּראַקטישע ארבעטן:

א. צו שטיצן און וויטער אַנטוויקלען די לאָקאַלע און אָרטיגע באַ־באַוועגונגען זיינען פון דעם גרעסטן ווערט פון שטאַנדפּונקט פון באַ־און אויך העלפן אַנטוויקלען באַוועגונגען געגן אַנטיסעמיטיזם פון אידן און ניט־אידן, מיט דעם צוועק צו אַנטוויקלען אויפקלערונגס־קאַמפּאַניעס, און אויפדעקן און באַקעמפן אַנטיסעמיטישע טעטיגקייטן פון אַלערליי סאָרטן.

ב. פאָרצוברענגען און שטיצן דעם פאָרשלאַג, אַז די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ זאָל ווערן דער פאַרטרעטער פון די אַמעריקאַנער אידן אין אַלע ענינים פון ברייטער געזעלשאַפטלעכער פּאָליטיק בנוגע דעם קאמף געגן אַנטיסעמיטיזם, ווי אויך אין באַציאונגען מיט רעגירונגס־קערפּערשאַפטן און מיט ניט־אידישע באַוועגונגען געגן אַנטיסעמיטיזם. עקזיסטירנדיגע אידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירן אָן ספּעציעלע ארבעטן געגן אַנטיסעמיטיזם, וועלן נאַטירלעך פאַרזעצן זייער איצטיגע ארבעט (ווי צום ביישפּיל, די אַנטי־דעפעמעישאָן ליג פון בני ברית), אָבער אין איינקלאַנג מיט די ברייטע פּרינציפּן, וואָס די קאָנפערענץ וועט פאָרמו־לירן און מיט איר קאָאָרדינאַציע. לויט אונזער מיינונג, וואָלט דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס געדאַרפט אויסאיבן זיין איינפלוס אין אַט דער ריכטונג, און ביז וואַנען די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ

וועט איבערנעמען די פירערשאפט פון דער ארבעט, וואָלט דער אמערי־קאַנער אידישער קאָנגרעס געדאַרפט פאָרזעצן צו פאראייניגן און אָנפירן מיט דער ארבעט געגן אַנטיסעמיטיזם פון די אידישע אָרגאניזאציעס און גרופּן, וועלכע זיינען גרייט פאר אזעלכע פאראייניגטע האנדלונגען.

ג. אידישע און געמישטע אָרגאניזאציעס, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דעם קאמף געגן אנטיסעמיטיזם, דאַרפן געשטיצט ווערן אין זייערע באַ־מיאונגען אָנצופירן אַן אינטענסיווע אומפּאַרטייאישע אויפקלערונגס־קאמפּאַניע געגן אַנטיסעמיטיזם אין לויף פון דער איצטיגער וואַל־קאַמ־פּאַניע. מען דאַרף שטיצן זייערע באַמיאונגען צו באַקעמפן די פּאַרזוכן פון פאַרשיידענע אַנטיסעמיטישע גרופּן און פּערזאָנען אָנצושרעקן די אַמעריקאַנער אידן, אַז זיי זאָלן נישט שטימען פאַר פּרעזידענט רוזוועלט. מען דאַרף אויך שטיצן יעדן פּראָטעסט געגן די אַנטיסעמיטישע העצעס, וואָס זיינען אריינגעבראכט געוואָרן אין די אַטאַקעס געגן סידני הילמאַן, וואָס ווערן געמאַכט פון דער פירערשאפט פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי.

אין לויף פון דער וואַל־קאַמפּאַניע וועט מעגלעך זיין צו געווינען ברייטע מאַסן־שטיצע פאַר אזעלכע פאָרשלאָגן ווי דער לינטש־ביל (צו פאַר־באָטן די פאַרשפּרייטונג פון אַנטעסימיטישע ליטעראַטור דורך פּאָסט) און אויך פאַר דער דיקשטיין „דזשאָינט קאָנגרעשאָנאַל רעזאָלושאָן”, וועלכע דערקלערט דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס אַ נאַצי־געווער און אַ געפאַר פאַר דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און נאַציאָנאַלער אייניגקייט. אין לויף פון דער וואַל־קאַמפּאַניע דאַרף מען אויך זען, אַז די קאַנדידאַטן פאַר פאַרשיידענע רעגירונגס־אַמטן זאָל נעמען אַ שטעלונג צו די אַלע פאָר־שלאָגן צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם דורך פאַרשיידענע געזעצן.

ד. פאָרברייטונגען דאַרפן שוין געמאַכט ווערן פאַר דעם, אַז אין דעם נייעם קאָנגרעס זאָלן צוריק אריינגעבראַכט ווערן דער לינטש־ביל און דיקשטיינ'ס רעזאָלוציע. עס איז קיין צווייפל ניט, אַז די אַמעריקאַנער אידן וועלן שטיצן די איניציאַטיווע און פירערשאַפט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס צו באַשאַפן פאַראייניגטע אַקציע, וואָס זאָל שטיצן די דערמאָנטע און ענלעכע פאָרשלאָגן. צו דער זעלבער צייט איז נויטיג צו באַשאַפן ברייטע שטיצע פאַר דער ארבעט פון דעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט צו באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער ארבעט פאַר דעם, אַז עס זאָל אריינ־געבראַכט ווערן אַ פעדעראַלער געזעץ וואָס זאָל דערקלערן דעם אַנטי־סעמיטיזם אַלס אַ קרימינעלן פאַרברעכן.

מען דאַרף אויך נעמען אַנטוויקלען אויף אַ ברייטערן אופן ווי ביז איצט דעם קאַמף פאַר געזעצגעבונג געגן אַנטיסעמיטיזם אין די רעגירונגס־קערפּערשאַפטן פון פאַרשיידענע שטאָטן און שטעט. די דערפאַרונג האָט

באוויזן, אז אין א סך גזעצגעבערישע קערפּערשאַפטן פון פאַרשיידענע שטאַטן איז מעגלעך שוין היינט דורכצופירן וויכטיגע גזעצן, וואָס זאָלן דערלייכטערן דעם קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם. דאָס זעלבע איז אויך מעגלעך אין פאַרשיידענע שטעט דורך דער שטאָטישער רעגירונג. מען דאַרף דעריבער ווענדן מער אויפמערקזאַמקייט אויף דעם דאָזיגן געביט פון גזעצגעבערישער אַרבעט.

ה. אָנפירנדיג אַ סיסטעמאַטישן קאַמף געגן אַלע פאָרמען פון אַנטי־סעמיטיזם און געגן די נייעסטע פאַרשווערונגען פון דער חברה וואָס גרופּירט זיך אַרום דזשעראַלד סמיט, מוז מען אויך ענערגיש באַקעמפן יעדן פאַרזוך אונטערצושעצן און פאַרמינדערן די גרויסע געפאַר פון נײַעם אַנטיסעמיטיזם, פאַרזוכן וואָס ווערן געמאַכט פון דער „פאָרווערטס"־פירערשאַפט און פון דער פירערשאַפט פון אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט.

ו. יעדע מעגלעכע שטיצע דאַרף מאָביליזירט ווערן אינעם קאַמף פאַר דער עטאַבלירונג פון אַ שטענדיגער „פעיר עמפּלאָימענט פּרעקטיסעס קאָמישאָן", און פאַראייניגטע אַקציעס דאַרפן אָרגאַניזירט ווערן פאַר דעם דאָזיגן פאָרשלאַג, ספּעציעל צווישן אידן און נעגערן. מען דאַרף אויך אַנטוויקלען פאַראייניגטע אַקציעס צווישן אידן און נעגערן אין קאַמף געגן יעדער דיסקרימינאַציע אויף נעגערן.

### 4. הילף און אויפבוי פאַר די אידן פון די באַפרייטע לענדער.

— די אַמעריקאַנער אידן אָנערקענען זייער גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין דער זאַך פון הילף און אויפבוי פאַר די אידן פון די באַפרייטע לענדער. אָבער ביז איצט אַנטוויקלט זיך די אַרבעט פּאַמעלעך.

עס איז נויטיג אָנצושטרענגען אַלע כחות פאַר דעם, אַז די אַרבעט פון די אַמעריקאַנער אידן פאַר הילף און אויפבוי זאָל שנעל פאַרגרעסערט ווערן. אַמעריקאַנער אידן וועלן נאַטירלעך מיטאַרבעטן אויף אַלע מעג־לעכע אופנים מיט דער „אונרא", אָבער מען דאַרף אויך אויסנוצן אַלע אַנדערע מעגלעכקייטן, וועלכע גיבן אַ געלעגנהייט צו ברענגען באַלדיגע הילף, — אין שפּייז, קליידער, מעדיצין און אַזוי ווייטער. די אַרבעט פון הילף און אויפבוי איז אַ טייל פון דער גרויסער היסטאָרישער אויפ־גאַבע אויפצוהאַלטן דעם קיום פון אונזער פאָלק און העלפן ווייטער אַנטוויקלען אַ אידיש לעבן.

די אַמעריקאַנער אידן וועלן דעריבער פאַרשטיין, אַז מען טאָר זיך ניט לאָזן אַריינדרייען אין אַ לאַגע, וואו מיר, די אַמעריקאַנער אידן, זאָלן זיך אונטערנעמען צו דיקטירן די אידן פון אַנדערע לענדער ווי

אַזוי זיי זאָלן נעמען צוריק אויפבויען זייער לעבן. מיר מוזן פאַרשטיין, אַז די קאָנקרעטע באַדינגונגען פונעם אידישן לעבן אין פאַרשיידענע לענדער וועלן אויך ווייטער זיין פאַרשיידן און וועלן אָפּהענגען פון די לענדער אין וועלכע די אידן לעבן. זיי אַליין, דעריבער, פאַרשטייען אויפן בעסטן אופן ווי אַזוי צו נעמען צוריק אויפבויען זייערע עקאָנאָמישע, קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. אונדזער אויפגאַבע דאָ איז צו פאַרשטיין וואָס זיי ווילן בויען, מיטצואַרבעטן מיט זיי, און העלפן זיי אויף אַלע מעגלעכע אופנים. מיר דאַרפן זיי העלפן פאַרווירקלעכן די פּראָגראַמען פון הילף און אויפבוי, וואָס זיי אַליין, די אידן פון די באַזונדערע לענדער, האָבן אויסגעאַרבעט און וועלן אויסאַרבעטן — פּראָגראַמען וואָס זיי וועלן אָן צווייפל זוכן דורכצופירן אין געמיינשאַפטלעכער מיטאַרבעט מיט די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן, און מיט די פירער פון די דאָזיגע פעלקער.

ס'איז קלאָר, צום ביישפּיל, אַז די ספּעציפישע אויפגאַבן פון אויפבוי פאַר די אידן פון מערב-אייראָפּע (פראַנקרייך, בעלגיע, איטאַליע, האָלאַנד א. אַז. וו.) וועלן ניט זיין די זעלבע ווי פאַר די אידן פון מזרח און טייל-ווייז צענטראַל-אייראָפּע (פּוילן, רומעניע, אונגאַרן, די באַלקאַנישע לענדער, עסטרייך א. אַז. וו.). די דאָזיגע אויפבוי-פּלענער וועלן אויך ניט זיין די זעלבע פאַר די אידן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווי זיי זיינען פאַר די אידן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. דאָס אידישע לעבן וועט געבויט אין אַלע לענדער, אָבער די קאָנקרעטע פאָרמען וועלן זיין פאַרשיידן, און דעריבער מוז מען אָננעמען, אַז די אידישע קיבוצים און ישובים ווייסן אַליין גאַנץ באַשטימט וואָס פאַר אַ פּראָגראַם פון אויפבוי זיי דאַרפן האָבן.

**מען דאַרף אָבער אויך אונטערשטרייכן, אַז די באַלדיגע און ברענענדיגע אויפגאַבע איז הילף, הילף אין דער פאָרם פון שפייז, קליידונג און מעדיצינען.** דער אַפּיל פון דר. זאָמערשטיין פאַר די פּוילישע אידן ווייזט אָן גענוי וואָס מען מוז באַלד האָבן אין די באַפרייטע לענדער. מען טאָר בשום אופן ניט אָפּלייגן די דאָזיגע אַרבעט. **אויף דעם געביט** האָבן די לאַנדסמאַנשאַפטן ספּעציעל אַ הייליגן חוב און זיי מוזן זיך דעריבער קאָנצענטרירן אויף דער דאָזיגער באַלדיגער אויפגאַבע. זיי טאָרן זיך ניט לאָזן פאַראַליזירן פון דעם סאַבאָטאַזש פון די **אידישע קוויזלינגס אין דער פירערשאַפט** פון „פאָרווערטס", וועלכע ווילן ניט דערלאָזן אַז די לאַנדסמאַנשאַפטן זאָלן גלייך נעמען ברענגען הילף. ס'איז דעריבער צו באַגריסן, וואָס אַ ריי לאַנדסמאַנשאַפטן און אויך דער אידישער פּראָטערנאַלער פאָלקס-אָרדן האָבן אונטערגענומען די ערשטע שריט אויף צו אָרגאַניזירן הילף-אַרבעט פאַר די פּוילישע אידן, און

צווישן זיי דאַרף דערמאָנט ווערן ספּעציעל דער פאַרבאַנד פון פּוילישע אידן.

אויך אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן אונטערגענומען די ערשטע שריט. מען דאַרף אָבער די אַרבעט שטויסן מיטן פולן כוח און אויפן ברייטסטן אופן. מען דאַרף אויך דערוואַרטן, אַז אַזעלכע מאַסן־האַנדלונגען פאַר באַלדיגער הילף וועלן באַאיינפלוסן די „דזשאָינט דיס־טריביושאָן קאָמיטע", אַז זי זאָל אויך אויפהערן זיך צוצוהערן צום „פאָרווערטס" און זאָל זיך גלייך נעמען פאַר רעליף־אַרבעט אין די באַ־פרייטע לענדער.

גלייכצייטיג דאַרף מען זיך נעמען צוגרייטן פאַר דעם איבערגאַנג פון באַלדיגער הילף צו דער אַרבעט פון אויפבוי. דאָ וועט נויטיג זיין אַ ברייטע זאַמלונג פון גרויסע געלט־פאָנדן. מיר האָבן שוין געהערט, אַז די אידן פון די באַפרייטע לענדער האָבן גענומען פאָרמולירן פּראָגראַמען פאַר די ערשטע שריט אויפן געביט פון אויפבוי. צום ביישפּיל: די סאָוועטישע אידן, דורך זייער אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, האָבן געקראָגן די צושטימונג פון דער סאָוועטן־רעגירונג פאַר פאַרשיידענע פּראָיעקטן פון איבערגאַנג פון באַלדיגער הילף צו אויפבוי, פּראָיעקטן פאַר באַשטימטע שטעט און געגנטן וואו עס וואוינען איצט, אָדער וואו מען פּלאַנעוועט אַז עס זאָלן וואוינען שפּעטער, באַדייטנדיגע אידישע קיבוצים. די „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע" האָט אַן אָפּמאַך מיט סאָוועטישע רעגירונגס־אַנשטאַלטן וועגן אָנטיילנעמען אין איינעם פון די דאָזיגע פּראָיעקטן, אָבער עס איז נאָך ניט באַקאַנט וויפיל פון דעם דאָזיגן פּראָיעקט האָט שוין דער „דזשאָינט" ביז איצט דורכגעפירט.

דער אידישער קאָונסיל פון ראָשיען וואָר רעליף האָט אונטער־גענומען אַ גאַנצע ריי וויכטיגע פּראָיעקטן פון רעליף און פאַר די ערשטע שטופּן פון אויפבוי. און אין איינעם פון די דאָזיגע פּראָיעקטן באַטייליגט זיך זייער פּראָמינענט דער אידישער פּראָטערנאַלער פאָלקס־אָרדן און אַ סך לאַנדסמאַנשאַפטן, צווישן זיי אוקראַאינער, ליטווישער, און דער בעסאַראַבער פאַרבאַנד. מ'דאַרף אויך דערמאָנען די ספּעציעלע פּראָיעקטן פאַר ביראָ־בידזשאַן, וואָס זיינען אונטערגענומען געוואָרן פונעם „אַמבידזשאַן" און אין וועלכן דער „איקאָר" וועט זיך אויך באַטייליגן. מיר האָבן אויך געהערט, אַז די פאַר אינדוסטריע, אַרבעטער און באַלעבאַטים, פּלאַנעווען צו נעמען אַ טיכטיגן אָנטייל אין איינעם פון די „אַמבידזשאַן"־פּראָיעקטן פאַר ביראָ־בידזשאַן. עס איז זיכער, אַז די סאָוועטישע אידן וועלן פאַר־ברענגען ברייטערע פּראָגראַמען פאַר די ווייטערדיגע שטופּן פון אויפבוי

און אזוי ארום וועט מעגלעך ווערן פאר די אמעריקאנער אידן צו נעמען אן ענערגישן אנטייל אין דער פארווירקלעכונג פון די דאזיגע פראגראמען.

זייער אן אינטערעסאנטע פראגראם פאר דעם אנפאנג פון הילף און אויפבוי פאר די אידן אין פוילן איז אויסגעארבעט געווארן פון דעם „ארגאניזיר־קאמיטעט" פון די פוילישע אידן אין סאוועטן־פארבאנד, אונטער דעם פארזיץ פון דר. זאמערשטיין. די פראגראם דארף מען ערנסט שטודירן, מחמת עס האט אין זיך אזעלכע זאכן, וואס זיינען פון גרויסער באדייטונג פאר אלע אידן.

די פראגראם אריענטירט זיך אויף דעם, אז די פוילישע אידן זאלן נעמען אן אקטיוון אנטייל אין דער עקאנאמישער רעקאנסטרוקציע פון פוילן, שטרעבנדיג צו דעם, אז די אידן אין פוילן זאלן צוריק רעהאביליטירן זייערע עקאנאמישע פאזיציעס. די פראגראם פלאנעוועט אויך פאר דעם, אז די פוילישע אידן זאלן אריינגעצויגן ווערן מער אקטיוו אין פארשיידענע פראדוקטיווע טעטיגקייטן אין דער אינדוסטריע, אין אגריקולטור און אין טראנספארטאציע, אין איינקלאנג מיט דער פאליטיק פון דער נאציאנאלער קאמיטע פון פוילישער באפרייאונג.

דאס איז זייער א געזונטע דערשיינונג, און מיט איר וועלן מיר זיך מסתמא באגעגענען אויך אין רומעניע און די אנדערע ניט־סאציאליסטישע לענדער פון מזרח און צענטראל־אייראפע. אזא סארט פראגראם איז געבויט אויף דער רעאליסטישער דערווארטונג, אז אין די באפרייטע לענדער פון מזרח און צענטראל־אייראפע וועלן איינגעשטעלט ווערן דעמאקראטישע ארדענונגען און רעגירונגען, וואס וועלן פולשטענדיג פארזיכערן און באשיצן די דעמאקראטישע און נאציאנאלע רעכט פון די אידן אויף דעם עקאנאמישן, פאליטישן און קולטורעלן געביט. עס ווערט אויך ריכטיג דערווארטעט, אז אין די באפרייטע לענדער וועלן דורכגעפירט ווערן פונדאמענטאלע אגראר־רעפארמען און אז עס וועט אויך פארקומען א ברייטער פראצעס פון אינדוסטריאליזאציע, אלס רעזולטאט פון וועלכן עס וועט כסדר שטייגן דער לעבנס־סטאנדארד פון די ברייטסטע מאסן.

אויף דעם באדן פון אזא פארם פון עקאנאמישער און פאליטישער אנטוויקלונג, וואס וועט זיך שטיצן אויף א דויערנדיגן פרידן אין איינקלאנג מיט די אפמאכן פון טעהעראן, וועט זיך נעמען אנטוויקלען דער ווידער־אויפבוי און רעקאנסטרוקציע פון דעם אידישן לעבן אין די באפרייטע ניט־סאוועטישע לענדער. און אין דעם סאוועטן־פארבאנד אליין וועט די סאציאליסטישע ווירטשאפט־סיסטעם און די פאליטישע ארדענונג געבן די אידישע פאלקס־מאסן נייע און גרויסע מעגלעכקייטן פאר דער

אַלזייטיגער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון דעם אידישן פאָלק בכלל און פאַר דער אויסבילדונג פון נייע, קאָמפּאַקטע אידישע ישובים.

מיר קאָנען דעריבער אָננעמען מיט פולער זיכערקייט, אַז עס הויבט זיך אָן אַ ניי און באַנייט אידיש לעבן אין די באַפרייטע לענדער. און מיר דאַרפן זיך אָפּוואַרפן און אָפּטרייסלען פון דעם פּעסימיזם און דעפיטיזם, וועלכע קומען פון די קרייזן פון דער „פּאַרוועטס"-פירער־שאַפט. די אַמעריקאַנער אידן וועלן מיט פאַראייניגטע כחות זיך נעמען צו דער אַרבעט פון העלפן אויפבויען דאָס אידישע לעבן אין די באַ־פרייטע לענדער. קאָנקרעט גערעדט, איז נויטיג אַז די אַמעריקאַנער אידן זאָלן גלייך פאַרשטאַרקן זייער וויטערדיגע מיטאַרבעט מיט די סאָוועטישע אידן און אַז עס זאָל גלייך אָנגעקניפּט ווערן אַן ענגע פאַר־בינדונג צווישן די אַמעריקאַנער אידן און די פּוילישע אידן.

פון גרויס וויכטיגקייט אין דער אַרבעט פון הילף און אויפבוי איז צו העלפן די אידן פון די באַפרייטע לענדער אויפצובויען דאָס אידישע קולטורעלע לעבן און צו העלפן די רעליגיעזע אידן פון יענע לענדער צוריק אויפבויען זייער רעליגיעזן לעבן. דאָס איז נאַטירלעך אַ טייל פון יעדער אַקציע פון הילף און אויפבוי, אָבער עס האָט אַ ספּעציעלן אינטערעס פאַר די אידישע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, וועלכע דאַרפן אין דעם פּרט נעמען אויף זיך די איניציאַטיווע. מיר זאָלן דערמוטיגן און שטיצן יעדן אַרויסטריט אויף דעם דאָזיגן געביט פון די אידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

## 5. דעמאָקראַטישע און נאַציאָנאַלע רעכט פון אידישן פאָלק.

— אין איינקלאַנג מיט אונזער אַלגעמיינער פּראָגראַם פאַר דער פאַר־טיידיגונג פון די דעמאָקראַטישע און נאַציאָנאַלע רעכט פון אידישן פאָלק, רעכט וואָס דאַרפן פאַרווירקלעכט ווערן אין אַזעלכע פאָרמען, וועלכע זיינען אין איינקלאַנג מיט די קאָנקרעטע באַדינגונגען פון די לענדער אין וועלכע די אידן וואוינען, אינדאָרסירן מיר און וועלן אַקטיוו שטיצן די דערקלערונג וועגן דעם „אינטערנאַשאַנאַל ביל אָוו ראַיטס", וואָס די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ האָט צוגעשטעלט צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג. מיר שטיצן אויך דעם 8-פונקטיגן מעמאָראַנדום וועגן באַ־שטראָפן די מלחמה־פאַרברעכער און אויך דעם דאָקומענט וועגן באַשיצן אידישע רעכט, וואָס די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ האָט צו־געשטעלט צו סעקרעטערי האָל. די דאָזיגע דאָקומענטן, וואָס שטיצן זיך אויף די פּרינציפּן פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, דריקן אויס די שטעלונג פון די אַמעריקאַנער אידן.

די אַמעריקאַנער אידן דאַרפן דעריבער מיט פאַראייניגטע כחות שטיצן די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ, וועלכע זאָל העלפן דער אַמעריקאַנער רעגירונג די דאָזיגע פאָרשלאַגן דורכצופירן אין לעבן.

עס איז קלאָר, אַז די קאָאַליציע פון אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד און ענגלאַנד אַרבעט גענוי אין דער ריכטונג. די וואַפן־שטילשטאַנד־אָפּמאַכן מיט רומעניע און מיט פינלאַנד אַנטהאַלטן אין זיך וויכטיגע פונקטן, וואָס פאַרלאַנגען אַז עס זאָלן גלייך אָפּגעשאַפט ווער זאָלע געזעצן, וואָס זיינען געצילט געגן פאַרשיידענע ראַסן און נאַציעס, און דאָס באַצוועקט הויפּטזאַכלעך צו פאַרטיידיגן די אידישע פאָלקס־מאַסן אין יענע לענדער.

מיר האָבן אַ בונד צווישן אַמעריקע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געוויזן דער וועלט אַ ביישפּיל ווי אַזוי צו באַשיצן די גלייכע רעכט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, גרויסע און קליינע, האָט געלייזט די נאַציאָנאַלע פראַגע אויף דעם פונדאַמענטאַלסטן אופן און מאַכט מעגלעך פאַר יעדער נאַציאָנאַליטעט צו אַנטוויקלען זיך אין אַ פולער מאָס. מיר האָבן אויך אַ בונד פון אַמעריקע און ענגלאַנד. די דאָזיגע לענדער בויען די פאַראייניגטע מלוכות, און אין דעם ליגט די פאַרזיכערונג, אַז די פּרינציפּן פון דעם „אינטערנעשאָנאַל ביל אָוו ראַיטס” וועלן דורכגעפירט ווערן.

מען מוז נאָך צוגעבן, אַז די פאַרווירקלעכונג פון די פּרינציפּן פון דעם „אינטערנעשאָנאַל ביל אָוו ראַיטס” באַדייט אין דער פּראַקטיק, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט מוזן געשטעלט ווערן אויסער געזעץ אומעטום, ווי דאָס איז שוין געשען אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און אַז דעמאָ־קראַטישע רעגירונגען זאָלן איינגעשטעלט ווערן אין אַלע באַפרייטע לענדער, וועלכע וועלן מיט אַלע כחות שטרעבן אויסצוראָטן דעם פאַשיזם ביזן גרונט.

עס איז נאָך ניט באַקאַנט דער פולער טעקסט פון די פאָרשלאָגן צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג, וועלכע זיינען צוגעשטעלט געוואָרן פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע. פון דעם אָבער וואָס עס איז שוין געוועזן אין דער פּרעסע איז צו זען, אַז די פאָרשלאָגן שטיצן זיך אויף דעם פּרינציפּ, אַז עס דאַרף פאַרזיכערט ווערן פאַר די אידן דאָס רעכט פון פולשטענדיגער גלייכהייט.

מיט דעם זיינען מיר, נאַטירלעך, אַלע מסכים. די פראַגע איז, ווי אַזוי קאָן מען דאָס פאַרווירקלעכן? אויף דעם דאַרף מען ענטפערן, אַז אידן וועלן האָבן פולשטענדיגע גלייכהייט נאָר דאָרטן, וואו עס וועלן פאַרזיכערט ווערן זייערע דעמאָקראַטישע און נאַציאָנאַלע

רעכט אויף דעם עקאנאמישן, פאליטישן און קולטורעלן געביט, און אין אזעלכע פארמען, וועלכע אנטשפרעכן די קאנקרעטע באדינגונגען פון דעם דעמאקראטישן לעבן אין יעדן לאנד. סתם גלייכע רעכט וועט אונז קיין גלייכע רעכט ניט געבן. און דאס איז תוך איז די שטעלונג פון דעם „אינטערנעשאנאל ביל אוו ראיטס" פון דער אמעריקאנער אידישער קאנפערענץ. מיר האלטן, אז ס'איז ניטא קיין פונדאמענטאלער קאנפליקט צווישן די פרינציפן פון דעם „אינטערנעשאנאל ביל אוו ראיטס" און דעם הויפט־פרינציפ פון דער אמעריקען דזשואיש קאמיטע. עס איז דעריבער מעגלעך צו שטיצן ביידע דאקומענטן, פאר וועלכע סיי די אמעריקאנער אידישע קאנפערענץ, סיי די אמעריקען דזשואיש קאמיטע, דארפן ארבעטן געמיינשאפטלעך. אזוי ארום וועט אפשר צוגעגרייט ווערן דער באדן פאר דעם, אז די אמעריקען דזשואיש קאמיטע זאל זיך קאנען צוריק אנשליסן אין דער קאנפערענץ.

**6. דער קאמף געגן דעם ווייסן פאפיר און שטיצע פאר דעם פאלעסטינער ישוב.** — די קאמפאניע געגן דעם ווייסן פאפיר אין די פאראייניגטע שטאטן האט אן צווייפל געוואונען די שטיצע פון די ברייטסטע קרייזן פון אמעריקאנער פאלק, איינגעשלאסן די גאנצע אר־בעטער־באוועגונג. דער פאקט, וואס ביידע פלאטפארמען פון די צוויי הויפט־פארטייען אין לאנד פארפליכטן זיך צו ארבעטן פאר דעם, אז עס זאל אפגעשאפט ווערן דאס ווייסע פאפיר און אז עס זאל אויפגעבויט ווערן א אידישע קאמאנוועלט אין פאלעסטינע, באווייזט ווי ווייט פאר־שפרייט עס איז צווישן אמעריקאנער פאלק דער פארלאנג צו העלפן דעם ישוב אין פאלעסטינע צו פארווירקלעכן זיינע נאציאנאלע שטרעבונגען.

עס איז אויך גוט צו באמערקן, אז מערסטע אידישע פירער, אויס־דריקנדיג די געפילן פון די אמעריקאנער אידן, ווי דאס האט געטאן ראבאי וויז, האבן פארדאמט דעם פארזוך פון דער רעפובליקאנער פירער־שאפט אויסצודרייען די פראגע פון פאלעסטינער ישוב געגן פרעזידענט רוזוועלט. די איבערוועגנדיגע מערהייט פון די אמעריקאנער אידן באַ־טראכט מיט רעכט פרעזידענט רוזוועלט אלס דעם גרעסטן פריינט פון די אמעריקאנער אידן, ווי פון אלע פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער, און אז די דעמאקראטישע פארטיי־פלאטפארם דריקט אויס אוי פאן ערלעכן און אומפארטייאישן אופן די סימפאטיעס פון אמעריקאנער פאלק פאר דעם פאלעסטינער ישוב. די גרעסטע מערהייט פון די אמעריקאנער אידן איז איבערצייגט, אז אין די הענט פון פרעזידענט רוזוועלט וועט די דעמאַ־קראטישע פארטיי־פלאטפארם ווערן א מעכטיגער אינסטרומענט אין קאמף געגן אנטיסעמיטיזם, ווי אויך אין קאמף געגן דער אונטערדריקונג פון

דער נעגערשער באַפּעלקערונג, פאַר דער אָפּשאַפונג פון אַלע פאָרמען פון דיסקרימינאַציע און סעגרעגאַציע, כאָטש די פאָרמולירונגען פון דער פּלאַטפאָרמע אין דער פראַגע זיינען ניט גענוג קלאָר און באַשטימט.

אין די דאָזיגע זייער גינסטיגע באַדינגונגען דאַרף מען זיך קאָנ־צענטרירן אין דעם איצטיגן מאָמענט אויף דעם קאַמף פאַר דער אָפּ־שאַפונג פון דעם ווייסן פּאַפּיר און פאַר דער פרייער עקאָנאָמישער אַנט־וויקלונג פון דעם אידישן ישוב אין פּאַלעסטינע, פאַר זיין ברייטער אינ־דוסטריעלער און אַגריקולטורעלער אַנטוויקלונג. עס וואָלט דעריבער געווען אַ טעות ווען מען זאָל אויך ווייטער באַשטיין אויף דעם, אַז דער קאַמף געגן ווייסן פּאַפּיר און פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון ישוב דאַרף געפירט ווערן אין שטרענג־ציוניסטישע פאָרמען. דאָס וואָלט פאַרשמעלערט די פּאָליטישע און מאַטעריעלע הילף פאַרן ישוב סיי צווישן די אידן, סיי צווישן ניט־אידן, סיי אין אַמעריקע, סיי אין אַנדערע לענדער. דאָס וואָלט נאָר געבראַכט שאָדן דעם ישוב.

מען דאַרף זיך נאָכאַמאָל דערמאָנען, אַז אין דער פראַגע פון ציוניזם אַלס אַ פּאָליטישע פּראָגראַם און נאַציאָנאַליסטישע פילאָזאָפיע עקזיסטירן פאַרשיידענע אויסטייטשונגען און פאַרשיידענע מיינונגען אַפילו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אַליין, שוין אָפּגערעדט פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק. עס איז אָבער קלאָר, אַז אידישע איינינקייט אומעטום איז שוין איצט מעגלעך אויף אַ פּראָגראַם פון אַקטיווער שטיצע פאַר דעם ישוב אין קאַמף געגן ווייסן פּאַפּיר און פאַר דער אויפבויאונג פון זיין עקאָ־נאָמישן לעבן, איבערהויפּט פאַר דער אינדוסטריאַליזירונג פון דעם ישוב. אויף אַזאַ סאָרט פּראָגראַם פון באַלדיגער אַקציע דאַרף זיך דעריבער קאָנצענטרירן די אידישע איינינקייט.

מען דאַרף אויך דערוואַרטן, אַז די אידישע בריגאַדע, וואָס די ענגליש ערעגירונג האָט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן, וועט באַדייטנדיג פאַר־שטאַרקן די פּאָליטישע לאַגע פון דעם אידישן ישוב. מען דאַרף זען, אַז פון דער בריגאַדע זאָל אויסגעבויט ווערן אַ באַדייטנדיגע אַרמיי־גרופּע פון דעם פּאַלעסטינער ישוב און פאַר דעם פּאַלעסטינער ישוב. די וועלכע ווילן דאָס כלומרשט „אויסברייטערן״ און פאַרשטעלן עס אַלס אַן אַרמיי פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק פון דער גאַנצער וועלט, טוען דעם ישוב אַ גרויסן שאָדן, מחמת בלויז אַן אַרמיי פאַרן ישוב און פונעם ישוב וועט שטאַרקן זיין איינפלוס און זיין כוח זיך צו דערשלאָגן זיינע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען.

די אַמעריקאַנער אידן מוזן פאַרדאַמען און אָפּוואַרפן יעדן פאַרזוך פון דער „פאָרווערטס״־פירערשאַפט אַרויסצורופן אין דעם ישוב אַלערליי

שפּאַלטונג־מאַנעוורעס פון אַן אַנטי־סאָוועטישן און „רעד־בעיטערישן" כאַראַקטער, צי דאָס ווערט געמאַכט אין דער הסתדרות אָדער אין דעם ישוב אַלס גאַנצן. מען דאַרף אויך פאַרדאַמען און אָפּוואַרפן דעם נייעם פאַרזוך פון דער „פאָרווערטס"־פירערשאַפט, וועלכע ווערט באַהערשט פון די כאַנין־צעשיסער און פון די בונדיסטישע עמיגראַנטן־פירער פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, אַרויסצורופן אַ פרישן אַנטי־ציוניסטישן קרייץ־צוג אין אַמעריקע. די דאָזיגע נייע מאַנעוורעס פון די אידישע קוויזלינגס געגן די ציוניסטן און געגן דעם ישוב מוזן באַזיגט ווערן אין די אינטערעסן פון דעם ישוב און אין די אינטערעסן פון אידישער איינינקייט אין אַמעריקע.

די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע זיינען איינשטימיג מיט די אידישע אַרבעטער פון פּאַלעסטינער ישוב, אַז מען דאַרף אויפבויען אין פּאַלעסטינע אַ פרייען, נאַציאָנאַל־אָרגאַניזירטן אידישן ישוב, אין ברידער־לעכער מיטאַרבעט מיט די אַראַבישע שכנים. דאָס איז אויך די פאַר־איינינגטע שטעלונג פון די אידן אין אַמעריקע, פון די אידן אין פּאַלעסטינע און פון אַלע אידישע ישובים אין אַלע אַנדערע לענדער. אויף דעם דאָזיגן באָדן וועט געבויט ווערן אונזער איינינקייט בנוגע צום ישוב. דעריבער מוז מען זאָגן, אַז יעדער פאַרזוך אַרויפצוצווינגען אויף דער אידישער איינינ־קייט וועלכע עס איז ספּעציעל־פּאַרטייאישע אָדער גרופּן־פאָרמולירונגען אין דער פראַגע, צי דאָס ווערט געטאָן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָדער אין דעם אידישן לעבן בכלל, צי דאָס ווערט געמאַכט אין פּאַלעס־טינע אָדער אין אַמעריקע, איז דאָס פול מיט גרויסע געפאַרן פאַר דער אידישער נאַציאָנאַלער איינינקייט און פאַר דער צוקונפט פון דעם ישוב אַליין.

אין איינקלאַנג מיט דער דאָזיגער שטעלונג, וועלן מיר רופן די אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע צו געבן אַלע מעגלעכע הילף צו דעם ישוב און צו דער הסתדרות; און מיר וועלן אַלעמאָל דאַרפן אונטער־שטרייכן דעם אומפּאַרטייאישן און איינינקייט־כאַראַקטער פון דער דאָזיגער אַרבעט, האָפנדיג אַז אויך אין דער הסתדרות וועט הערשן דער זעלבער גייסט פון אַרבעטער־איינינקייט און אידישער נאַציאָנאַלער איינינקייט.

**7. מיטאַרבעט מיט די סאָוועטישע אידן און די צוגרייטונג פון דער אידישער באַשולדיגונג געגן די נאַציס.** — עס דערנענטערט זיך די צייט פאַר דער ענדגילטיגער רעכענונג מיט די נאַציס, און דאָס אידישע פאָלק וועט דאַרפן צושטעלן זיין אייגענעם רעכענונג און באַ־שולדיגונגס־אַקט, ווי די סאָוועטישע אידן האָבן עס פאָרגעשלאָגן נאָך מיט אַ צייט צוריק. עס איז דעריבער נויטיג אונטערצושטרייכן, אַז אין

אט דער גרויסער ארבעט מוז זיין די ענגסטע מיטארבעט און פארשטענדיגונג צווישן די אמעריקאנער אידן און די סאוועטישע אידן, וועמעס לענדער, צוזאמען מיט ענגלאנד, וועלן שפילן א פירנדיגע ראלע אין דער ארגאניזירונג פון זיכערקייט און פרידן נאך דער מלחמה. מיר אפעלירן צו דער פירערשאפט פון די אמעריקאנער אידן — די אמעריקאנער אידישע קאנפערענץ, אז זי זאל נעמען אויף זיך די פירערשאפט אין אמעריקע צו ארגאניזירן די מיטארבעט צווישן די אמעריקאנער און סאוועטישע אידן.

דאס איז אבסאלוט נויטווענדיג פאר דעם קאמף צו שטעלן דעם אנטיסעמיטיזם אויסער דעם געזעץ אין אלע לענדער און פאר דער פארווירקלעכונג פון די דעמאקראטישע און די נאציאנאלע רעכט פון דעם אידישן פאלק נאך דער מלחמה. די מיטארבעט פון די אמעריקאנער און סאוועטישע אידן איז אויך נויטיג פאר דעם, אז מיר זאלן קאנען העלפן די סאוועטישע אידן צוריק אויפצובויען די אלטע אידישע געמיינדעס אין דער אוקראינע, ווייס־רוסלאנד, ליטע און לאטוויע, און אויך צו העלפן אויפבויען די נייע אידישע קיבוצים אין בירא־בידזשאן, אויף דער וואלגא און אין די אנדערע טיילן פון סאוועטן־פארבאנד, ווייסנדיג דערביי, אז פון פילע פון די דאזיגע נייע קיבוצים קאנען מיט דער צייט ארויסוואקסן פולשטענדיגע נאציאנאליטעטן און נאציאנאלע געמיינדעס. דאס זיינען אידישע נאציאנאלע אויפגאבן, אין וועלכע די אמעריקאנער אידן ווילן שפילן א באדייטנדיגע ראלע. אבער פאר דעם דארף מען איינשטעלן א סאלידע מיטארבעט מיט די סאוועטישע אידן. מיר דארפן האבן די דאזיגע מיטארבעט אויך צוליב דעם, אז מיר, די אמעריקאנער אידן, זאלן קאנען מאכן א באדייטנדיגן ביטראג צו פארשטארקן די פריינטשאפט און דעם בונד צווישן אמעריקע און דעם סאוועטן־פארבאנד, וואס דאס וועט אויך שטארקן אלע פאראייניגטע מלוכות.

פיל ערשטע שריט זיינען שוין געמאכט געווארן אויף דעם געביט. דער אידישער וועלט־קאנגרעס, וואס זיין הויפט־קערפערשאפט איז דער אמעריקאנער אידישער קאנגרעס, האט אפגעמאכט מיט דעם אידישן אנטיפאשיסטישן קאמיטעט אין מאסקווע, אז מען זאל געמיינשאפטלעך און צוזאמען מיט די פאלעסטינער אידן, מיט דער אמעריקאנער קאמיטע פון אידישע שרייבער, קינסטלער און געלערנטע, און מיט די ענגלישע אידן ארויסגעבן א „שווארצן בוך", א אידישע אנקלאגע און רעכענונג געגן די נאצים. דאס איז זייער א וויכטיגע אונטערנעמונג, וועלכע דארף געשטיצט ווערן פון אלע אמעריקאנער אידן אויפן ענערגישסטן אופן.

דער אידישער קאונסיל פון ראשיען וואר רעליף אין זיין ספּעציעל פעלד פון הילף און אויפבוי־ארבעט, זעצט פאר צו בויען די אייניגקייט צווישן די אמעריקאנער און סאוועטישע אידן אויף א ברייטן פונדאמענט, און דאס מאכט מעגלעך, אז נייע און פרישע אידישע כחות זאלן אריינגעצויגן ווערן אין דער דאזיגער גרויסער ארבעט. דער קאמיטעט פון אידישע שרייבער, קינסטלער און ווירסנשאפטסלייט פירט אויס א וויכטיגע פאראייניגונגס־ראלע אין דער מיטארבעט צווישן די אמעריקאנער און סאוועטישע אידן. מען דארף האפן, אז די צווייטע עססיע פון דער אמעריקאנער אידישער קאנפערענץ, וועלכע דארף זיך צונויפקומען אין דעצעמבער, וועט מאכן איר בייטראג צו דער ווייטערדיגער אנטוויקלונג פון מיטארבעט צווישן די אמעריקאנער און סאוועטישע אידן און וועט זיך אריענטירן אויף דעם גדאנק, אז די קאנפערענץ דארף איבערנעמען די פירערשאפט פון דער דאזיגער וויכטיגער ארבעט.

**8. אייניגקייט פון די אמעריקאנער אידן און די צווייטע זיצונג פון דער אמעריקאנער אידישער קאנפערענץ.** — מערסטע אידישע פירער האבן אויסגעדריקט דעם פארלאנג פון די אמעריקאנער אידן, אז די אמעריקאנער אידישע קאנפערענץ זאל זי דאזוי ארגאניזירן, אז זי זאל קאנען רעדן אין נאמען פון די אמעריקאנער אידן און זאל קאנען דערפאלגרייך פארטיידיגן די דעמאקראטישע און נאציאנאלע רעכט פונעם אידישן פאלק אין אלע לענדער, און אויך אין אמעריקע. דאס הייסט, אז די קאנפערענץ דארף ווערן פיל מער אקטיוו ווי זי איז געווען ביז איצט, אז זי דארף ברייטער מאכן איר באזע, און דארף זיך אונטערנעמען צו פונקציאנירן אלס דער פירער און פארטרעטער פון די אמעריקאנער אידן.

עס איז קלאר, אז די מאיאריטעט פון די אמעריקאנער אידן איז מסכים מיט ראבאי וויז, אז מען דארף אויסברייטערן די ארבעט און אויטאריטעט פון דער אמעריקאנער אידישער קאנפערענץ. די קאנפערענץ הא טפיל שוואכקייטן און מערסטע פון זיי קומען פון דעם, וואס ניט אלע אידן זיינען דארט פארטראטן, און איבערהויפט וואס די אידישע ארבעטער באטייליגן זיך נאך ניט אין דער ארבעט פון דער קאנפערענץ אויף א געהעריגן אופן. אבער ניט געקוקט אויף דעם, האט שוין די אמעריקאנער אידישע קאנפערענץ אויסגעפילט א וויכטיגע נאציאנאלע אויפגאבע.

דאס איז געטאן געווארן דורך דער רעטונגס־ארבעט פון דער קאנפערענץ. דאס איז געטאן געווארן דורך דעם „אינטערנעשאנאל ביל און

ראַיטס״, דורך דעם מעמאַראַנדום וועגן באַשטראָפן די מלחמה־פּאַר־ברעכער און דעם דאָקומענט וועגן באַשיצן די רעכט פון די אידן אין די באַפרייטע לענדער. דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך דער הילף, וואָס די קאָנפערענץ האָט געגעבן דעם ישוב. און די סאַמע עקזיסטענץ פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ האָט געהאָלפן פאַרשטאַרקן דעם אידישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און אויך דעם אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם צווישן די אַמעריקאַנער אידן. אַזוי אַרום האָט די קאָנפערענץ דערפילט אַ טייל פון אונזער גרויסן חוב אינעם קאַמף פאַר דעם קיום און פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פונעם אידישן פאָלק. אָט דערפאַר טאַקע איז עס אַזוי נויטיג צו באַזייטיגן די שוואַכקייטן פון דער קאָנפערענץ און צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ לעבעדיגן צענטער פון פאַראייניגטע אידישע אַקציעס.

אַלע אידן, מיט דער אויסנאַם פון די קווּיזלינגס אין דער „פאַר־ווערטס״־פירערשאַפט, ווילן האָבן אַ גרעסערע און שטאַרקערע אידישע איינינקייט אין דער קאָנפערענץ. און דערפאַר איז די רעקאָמענדאַציע פון דעם „אינטערים־קאָמיטעט״ איינצושליסן אין דער קאָנפערענץ דעם אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן אַ געשעעניש פון גרויס באַדייטונג, ווי דאָס איז שוין זייער גענוי אַרויסגעבראַכט געוואָרן פונעם פירער פונעם אָרדן, ראובן זאַלצמאַן. די דאָזיגע רעקאָמענדאַציע וועט אָן צווייפל פאַרשטאַרקן די קאָנפערענץ.

עס דערמוטיגט די האָפענונג פון ברייטע מאַסן אַמעריקאַנער אידן, אַז ענדלעך וועט אויך געפונען ווערן אַ וועג ווי אַזוי אַריינצוברענגען אין דער קאָנפערענץ, ברייטער און מער פּראָמינענט, די אידישע אַרבעטער אין די טרעיד־יוניאָנס. פאַר דעם אַרבעטן זייער ענערגיש אַזעלכע אָנ־געזעענע טרעיד־יוניאָן און אַרבעטער־פירער ווי בען גאָלד, דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנאַל פאַר וואַרקערס יוניאָן. דער אידישער פאָלקס־קאָמיטעט און זיין עקטינג טשערמאַן, מאַקס פּערלאָוו, טוט זייער וויכטיגע אַרבעט אין דעם ענין, אין דעם ענין פון ברענגען די אידישע אַרבעטער אין די יוניאָנס צו אַקטיווער באַטייליגונג אין דער אַרבעט פון דער קאָנ־פערענץ. דאָס איז געוואָרן אַ דרינגענדיגע נויטווענדיגקייט, מחמת די באַנין־פירערשאַפט פונעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט האָט פאַרשטאַרקט איר סאַבאָטאַזש געגן דער קאָנפערענץ און האָט באמת דערגרייכט אַ גרויסן טייל פון איר פאַרברעכערישן צוועק, נעמלעך, זי האַלט אָפּ יוניאָנס, וועלכע זיינען אָן איר אָנגעשלאָסן, פון טאָן וועלכע עס איז אַרבעט פאַר דער קאָנפערענץ.

עס איז דעריבער נויטיג, אַז די פירערשאַפט פון דער קאָנפערענץ

זאָל זען באַלד צו געפינען אַ פּראַקטישן וועג ווי אַזוי די אידישע אַר־בעטער אין די טרעיד־יוניאָנס זאָלן זיך קאָנען פאַרבינדן מיט דער קאָנ־פערענץ, און אַנטייל נעמען אין איר אַרבעט. עס וואָלט אפשר געווען אַ גוטע זאַך, ווען די קאָנפערענץ וואָלט גלייך געגרינדעט אַ אידישן טרעיד־יוניאָן קאָמיטעט, וואָס זאָל גלייך קאָנען מיטאַרבעטן מיט דער קאָנפערענץ און אַזוי אַרום זאָל געמאַכט ווערן דער ערשטער שריט פאַר דעם, אַז די אידישע טרעיד־יוניאָן אַרבעטער זאָלן זיך מיט דער צייט קאָנען פולשטענדיג אַנשליסן אין דער אַרבעט פון דער קאָנפערענץ.

מען דאַרף אויך אָננעמען מיטלען, אַז די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע זאָל קומען צוריק צו דער קאָנפערענץ, און מען דאַרף אויך באַשאַפן מעגלעכקייטן פאַר אַ ברייטערער פאַרטרעטערשאַפט אין דער קאָנפערענץ פאַר דער אידישער יוגנט אין אַמעריקע און אויך פאַר די רעליגיעזע אידן.

די אויפגאַבן פון דער קאָנפערענץ מוזן אומבאַדינגט אויסגעברייטערט ווערן, און די קאָנפערענץ מוז אָנהויבן צו אַרבעטן אַלס די פירנדיגע קערפערשאַפט אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן, אין איינקלאַנג מיט די פאָרשלאָגן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון ראַבאַי וויז און פונעם אַמע־ריקאַנער אידישן קאָנגרעס. דאָס קאָן געטאָן ווערן אויף דעם פאָלגענדן אופן : די קאָנפערענץ דאַרף זיך אונטערנעמען צו פאָרמולירן שטעלונגען פון ברייטער פּאָליטיק וואָס האָבן אַ שייכות צו אידישער איינינגקייט, צו פראַגן פון נאַציאָנאַלע האַנדלונגען און פאַרבינדונגען מיט רעגירונגס־קערפּערשאַפטן אין אידישע ענינים, ווי אויך צו רעדן אין נאָמען פון די אַמעריקאַנער אידן אין אַלע ברייטע פראַגן פון אידישן ניציאָנאַלן אינטערעס. צו דער זעלבער צייט זאָלן אַלע עקזיסטירנדיגע אידישע אָר־גאַניזאַציעס, וואָס באַלאַנגען צו דער קאָנפערענץ, פאָרזעצן זייערע איצטיגע פונקציעס און טעטיגקייטן אין די פאַרשיידענע געביטן, אין וועלכע זיי זיינען באַשעפטיגט. די אויפגאַבע פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנ־פערענץ דאַרף זיין צו געבן די העכערע פירערשאַפט, צו פאַרטרעטן די אַמעריקאַנער אידן בכלל און צו קאָאָרדינירן די אַרבעט פון זייערע פאַר־שיידענע אָרגאַניזאַציעס.

מיר מוזן האָבן די איינינגקייט פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנ־פערענץ, ניט נאָר צו העלפן די אידן פון די אַנדערע לענדער, נאָר אויך צו העלפן אונז אליין. עס איז דעריבער נויטיג, אַז די צווייטע סעסיע פון דער קאָנפערענץ זאָל דורכפירן אירע אויפגאַבן אויף דעם פאָלגנדיגן אופן :

א. די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ דאַרף זען, אַז עס זאָל ווי געהעריג פאַרגעבראַכט ווערן פאַר די פאַראייניגטע מלוכות און זייער פירנדיגער קאָאַליציע פון אַמעריקע, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענג־לאַנד, דער „אינטערנעשאָנאַל ביל אָוו ראַיטס" און די אַנדערע דאָקומענטן פון דער קאָנפערענץ. מען דאַרף שטרעבן, אַז עס זאָל זיין אַ פאַראייניגטע אידישע פאַרטרעטערשאַפט צו פאַרטיידיגן די דעמאָקראַטישע און נאַציאָ־נאַלע רעכט פון די אידן אין אַלע לענדער, צי דאָס זיינען די רעכט פון נאַציאָנאַלע אָדער עטנישע גרופּן, אָדער די רעכט פון נאַציאָנאַלע מינאָרי־טעטן, אָדער די רעכט פון נאַציאָנאַליטעטן אין פאַרשיידענע שטופן פון זייער אַנטוויקלונג. דאָס שליסט אויך איין די זייער וויכטיגע פאָדערונג, אַז די אידן אין די באַפרייטע לענדער דאַרפן צוריקקריגן זייער אייגנטום און אַז זיי דאַרפן אויך קריגן די פולע מעגלעכקייט צו רעהאַביליטירן און געווינען זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

ב. די קאָנפערענץ דאַרף פעסטשטעלן די ברייטע פּרינציפּן פון די אויפגאַבן פון די אַמעריקאַנער אידן אין דער אַרבעט פון הילף און אויפ־בוי פאַר די אידישע געמיינדעס אין די באַפרייטע לענדער און אויך לייגן דעם באַדן פאַר דעם, אַז די דאָזיגע אַרבעט זאָל קאָאָרדינירט ווערן.

ג. די קאָנפערענץ זאָל נעמען אויף זיך די פירערשאַפט צו אַנט־וויקלען ווייטער די מיטאַרבעט צווישן די אַמעריקאַנער און סאָוועטישע אידן, מיטאַרבעט אין אַזעלכע וויכטיגע ענינים ווי געמיינטשאַפטלעך צו פאָרמולירן די פּראַקטישע אויפגאַבן פון הילף און אויפבוי, די פאַר־טיידיגונג פון אידישע רעכט, און אַזוי אַרום פאַרשטאַרקן די אַרבעט פון דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס, וועמעס קומענדיגע קאָנפערענץ קאָן אויפטאָן זייער אַ סך אין דעם דאָזיגן פּרט.

ד. די קאָנפערענץ זאָל אינדאָרסירן און שטיצן די געמיינשאַפטלעכע אונטערנעמונג פון די אַמעריקאַנער און סאָוועטישע אידן אַרויסצוגעבן דעם „שוואַרצן בוך", די אָנקלאַגע און רעכענונג געגן די נאַצים.

ה. די קאָנפערענץ זאָל פאָרמולירן די פּרינציפּן פון אַ פאַראייניגטן קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע און פאַר דעם, אַז דער אַנטי־סעמיטיזם זאָל געשטעלט ווערן אויסער דעם געזעץ. די קאָנפערענץ זאָל אויך שטרעבן צו קאָאָרדינירן די אויטאָנאָמע און זעלבסטשטענדיגע אַר־בעט פון עקזיסטירנדיגע אידישע אָרגאַניזאַציעס און זאָל זיך אויך פאַר־בינדן מיט ניט־אידישע אָרגאַניזאַציעס פאַר געמיינשאַפטלעכע האַנד־לונגען געגן אַלע פאָרמען פון ראַסן־פאַרפאָלגונגען און דיסקרימינאַציעס.

ו. די קאָנפערענץ זאָל שטרעבן צו פאָרמולירן די הויפּט־פּרינציפּן פאַר אַן אַקציע־פּראָגראַם, וואָס זאָל זוכן צו באַוואָרענען און באַשיצן די רעכט פון אַלע עטניש־נאַציאָנאַלע גרופּן אין אַמעריקע און ספּעציעל די רעכט פון די אַמעריקאַנער אידן. מיר מיינען דאָ די רעכט פון די אַמעריקאַנער אידן אַלס אַן עטניש־נאַציאָנאַלע גרופּע ווייטער צו אַנטוויקלען די ספּעציעל־אַמעריקאַנישע פאָרמען פון אַ אידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין איינקלאַנג מיט דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און אַלס אַן אָרגאַנישער טייל פון אַמעריקע אַלס אַ נאַציע.

דעריבער זאָל די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ דערמוטיגן אַלע עקזיסטירנדיגע אידישע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלן אַנטוויקלען אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט צו פאַרטיפן דעם אידישן באַוואוסטזיין צווישן די אַמעריקאַנער אידן אַזוי גוט ווי זייער אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם, צו אַנטוויקלען ווייטער אידישע איינינקייט, אידישע נאַציאָנאַלע דערציאונג, און אידישע קולטור, און אַזוי אַרום פאַרצוזעצן און באַרייכערן אונזער אידישע נאַציאָנאַלע ירושה און מאַכן עס אַ טייל פון דעם לעבן און פון דער קולטור פון דער אַמעריקאַנער נאַציע.

די קאָנפערענץ זאָל אויך נעמען די פירערשאַפט אין דער וואַקסנדיגער באַוועגונג, וואָס פאַרלאַנגט אַז מען זאָל אַריינפירן די לערע פון אידישע געשיכטע אין אונזערע שולן און קאַלעדזשעס, ספּעציעל אין געגנטן מיט אַ גרויסער אידישער באַפעלקערונג, אַז מען זאָל אויך איינפירן דאָס לערנען פון דער אידישער שפּראַך און אידישער ליטעראַטור, ווי דאָס איז שוין געטאָן געוואָרן מיט העברייאיש אין פיל פלעצער, אין די פּאַבליק־סקולס און האַי־סקולס פון געגנטן מיט גרויסע אידישע געמיינדעס.

ז. די קאָנפערענץ זאָל זוכן צו פאַראייניגן און קאָאָרדינירן די אַרבעט פון אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע אין דעם קאַמף אָפּצושאַפן דאָס ווייסע פּאַפּיר און צו ברענגען די מאַקסימאַלע הילף פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונעם ישוב.

ח. די קאָנפערענץ זאָל ווייטער סטימולירן די אָנשטרענגונגען פון די אַמעריקאַנער אידן צו העלפן אויפהאַלטן און פאַרשטאַרקן די אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע איינינקייט אַרום דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פּרעזידענט רוזוועלט, פאַר דעם אַז אונזער לאַנד זאָל געווינען אַ פולשטענדיגן זיג איבער דייטשלאַנד און יאַפּאַן, פאַר דער פאַרניכטונג פונעם פאַשיזם, פאַר דעם אַז עס זאָל אויסגעבויט ווערן אַן אָרגאַניזאַציע אויפצוהאַלטן די זיכערקייט און פרידן פון דער וועלט, דורך דער פירערשאַפט פון אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד, און פון אַלע פאַראייניגטע פעלקער.

## IV. די „מאָרגן־פרייהייט״־אַסאָסיעישאָן און די „מאָרגן־פרייהייט״

דאָס איז די ערשטע נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון דער „מאָרגן־פרייהייט״־אַסאָסיעישאָן. אונזער דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז דער געדאַנק פון פאַראייניגן אַרום דער „מאָרגן־פרייהייט״ אַלע אויסגעהאַלטענע אידישע אַנטי־פאַשיסטן, קאָמוניסטן און ניט־קאָמוניסטן, ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, אַז דאָס איז אַ געדאַנק פול מיט לעבן און מעגלעכקייטן, וועלכער האָט אַ גרויסע צוקונפט. דערפאַר טאַקע ווערט דאָ איצט פאָרגעשלאָגן, אַז די איצטיגע קאָנפערענץ זאָל מאַכן די „מאָרגן־פרייהייט״־אַסאָסיעישאָן פאַר אַ שטענדיגער אָרגאַניזאַציע. עס וועט אויך פאָרגעשלאָגן ווערן, אַז די „מאָרגן־פרייהייט״־אַסאָסיעישאָן זאָל ווערן אַ מיטגלידערשאַפט־אָרגאַניזאַציע פון אַלע די וואָס זיינען מסכים מיט דער אַנטי־פאַשיסטישער איינינקייט־פּאָליסי פון דער „מאָרגן־פרייהייט״־אַסאָסיעישאָן און וואָס ווילן העלפן דער „מאָרגן־פרייהייט״ דורכפירן די דאָזיגע פּאָליסי.

מיר זיינען זיכער, אַז מיט אַזאַ סאָרט אָרגאַניזאַציע וועלן מיר זיין אין אַ פילבעסערער לאַגע צו טאָן אונזער פליכט אין דער דורכפירונג פון די אַלגעמיינע אויפגאַבן, וואָס שטייען איצט פאַר די אַמעריקאַנער אידן און פאַר דעם אַמעריקאַנער פאָלק אַלס אַ גאַנצן.

אונזער דערפאַרונג ביז איצט האָט אונז איבערצייגט ,אַז קאָמוניסטן און ניט־קאָמוניסטן קאָנען אַרבעטן אינאיינעם זייער דערפאָלגרייך צו בויען אַ אידישע פאָלקס־צייטונג פון אַן אויסגעהאַלטענעם אַנטי־פאַשיסטישן כאַראַקטער, און אַז ציוניסטן און ניט־ציוניסטן קאָנען אַרבעטן געמיינשאַפטלעך פאַר דעם דאָזיגן געמיינשאַפטלעכן צוועק. דאָס איז מעגלעך הויפּטזאַכלעך דערפאַר, וואָס דער פונדאַמענט פון דער דאָזיגער אַרבעט איז די פּראָגראַם פון אידישער פאָלקס־איינינקייט און פון אַרבעטער־איינינקייט אַלס אַן אָרגאַנישער טייל פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער איינינקייט. און ווייל מיר זוכן צו דערפילן אונזערע ספּעציעלע אויפגאַבן אויף דעם באָדן פון דער דאָזיגער פּראָגראַם, דערפאַר איז מעגלעך די פאַראייניגטע אַרבעט פון קאָמוניסטן און ניט־קאָמוניסטן אין דער בויאונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט״.

ביי דער איצטיגער געלעגנהייט איז נויטיג פעסטצושטעלן די פּאָזיטיווע ראָלע, וואָס די קאָמוניסטן שפּילן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין דעם אַמעריקאַנער לעבן בכלל, און צו אָנערקענען דעם גרויסן בייטראָג, וואָס די קאָמוניסטן מאַכן אין דער בויאונג פון דער נאַציאָנאַלער אייניגקייט פון אַמעריקאַנער פאָלק און אין דער בויאונג פון אַנטי־פאַשיסטישער אייניגקייט אויף אַלע געביטן.

אין די 25 יאָר זינט עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ קאָמוניסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, זיינען פאָרגעקומען זייער אַ סך ענדערונגען, סיי אין דעם לעבן פון דער וועלט, סיי אין דעם לעבן פון אַמעריקע, און סיי אין דעם לעבן פונעם אידישן פאָלק. אין דער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען אויך פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען. און דאָך, דורך אַלע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אויך אין די פּאָליסים און אין דער טאַקטיק פון די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, בלייבן צוויי הויפּט־זאַכן פעסט און אומפאַרענדערט. איינס איז די לאָיאַליטעט און די איבערגעגעבנקייט פון די קאָמוניסטן צו דער זאַך פון אַרבעטער־קלאַס און צו דער זאַך פון גאַנצן פאָלק. עס איז גאָרנישט קיין איבערטרייבונג צו זאָגן, אַז קיין איין פּאָליטישע אָדער אידעאָלאָגישע גרופּע אין לאַנד האָט פאַר די לעצטע 25 יאָר ניט געאַרבעט אַזוי איבערגעבן און מיט אַזוי פיל מסירת־נפש פאַר יעדער זאַך וואָס איז געווען אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער און אין די אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק. און אַ צווייטע זאַך איז די טרייהייט פון די קאָמוניסטן צו דער טעאָריע פון מאַרקסיזם, וואָס זיי אַנטוויקלען כסדר אַלס אַ לעבעדיגע וויסנשאַפט. די ביידע זאַכן, לאָיאַליטעט צו די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פונעם פאָלק און טרייהייט צו דער מאַרקסיסטישער טעאָריע, זיינען געווען און זיינען פאַרבליבן די הויפּט־טרייב־קרעפטן וואָס באַוועגן דאָס לעבן און די האַנדלונג פון די קאָמוניסטן.

און טאַקע דערפאַר זיינען זיי געוואָרן אַזאַ וויכטיגער פאַקטאָר אינעם קאַמף געגן פאַשיזם איבער דער גאַנצער וועלט, און אויך אין אַמעריקע. וואָרים דער פאַקט איז, אַז דאָרט וואו דער קאַמף געגן פאַשיזם ווערט אָנגעפירט אַמבעסטן און אַמשטאַרקסטן, דאָרט זיינען דאָ אויך קאָמוניסטן אין די קעמפנדיגע רייען, ציווילע און מיליטערישע. דאָרטן וואו דער קאַמף געגן פאַשיזם האָט דערגרייכט די העכסטע שטופן, דאָרט זיינען די קאָמוניסטן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פירערשאַפט, וועלכע פירט אָן מיט דעם קאַמף. דאָס איז אויך אין אַמעריקע, דאָס איז אויך צווישן די אַמעריקאַנער אידן, דאָס איז אויך אין דער „מאָרגן־פרייהייט"־אַסאָסיעישאָן. און צו דער דאָזיגער גרויסער ראָלע פון אַנטי־פאַשיסטישער אייניג־

קייט־קעמפּער זיינען די קאָמוניסטן צוגעגרייט געוואָרן דורך די גאַנצע 25 יאָר פון זייער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

דאָס דאַרף אויך געזאָגט ווערן צוליב דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר אין לאַנד אַ נייע „רעד־בעיטערישע״ קאַמפּאַניע. אויפגעהויבן האָבן עס די רעפּובליקאַנער פירער צוליב ענג־פּאַרטייאישע אינטערעסן, אָבער אָן דעם האָבן זיך שוין אָנגעכאַפּט די פאַשיסטן, אַנטיסעמיטן און היטלער־אַגענטן, וואָס גרופּירן זיך איצט אַרום דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. די „רעד־בעיטערישע״ קאַמפּאַניע איז אויך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די אידישע קוויזלינגס אין דער פירערשאַפט פונעם „פאָרווערטס״. אַט דער־פאַר איז נויטיג אונטערצושטרייכן דעם גרויסן ווערט ניט נאָר פאַר די קאָמוניסטן אַליין, נאָר פאַרן גאַנצן לאַנד, פון דער פירערשאַפט וועלכע קומט פון דער קאָמוניסטישער פּאָליטישער אַסאָציאַציע און איר פירער ערל בראַודער. די דאָזיגע פירערשאַפט איז אויך אויסגעדריקט אין בראַודער׳ס גרויסן בוך „טעהעראַן״, פון וועלכן מיר האָבן אַרויסגעגעבן ניט לאַנג צוריק אַ שיינע אידישע אויסגאַבע.

מיר ווילן אויך אויסדריקן אונזער אָנערקענונג פו ןדעם פאַקט, אַז די אייניגקייט־געפילן און שטעלונגען צווישן די אַמעריקאַנער אידן זיינען געוואָרן גאַנץ שטאַרק און אַז זיי געפינען אַ גוטן אויסדרוק ביי אַ סך פון אונזערע פּראָגרעסיווע אידישע פירער. אַ סך פון די פירער זיינען ציוניסטן, אַנדערע זיינען ניט קיין ציוניסטן. אָבער מיר ווילן זאָגן, אַז מיר האָבן ציוניסטן אין דער „מאָרגן־פרייהייט״־אַסאָסיעישאָן און אַז מיר דערוואַרטן צו האָבן זייער אַ סך ציוניסטן אין אונזער אַסאָסיעישאָן ווען מיר וועלן אָנהויבן אונזער מיטגלידערשאַפט־קאַמפּאַניע.

כאָטש די אייניגקייט־באַוועגונג צווישן די אַמעריקאַנער אידן וועט נאָך באַגעגענען זייער אַ סך שטערונגען און געפאַרן, סיי פון די שונאים פון אידישן פאָלק און סיי פון די קוויזלינגס, איז דאָס אָבער וויכטיג צו באַמערקן, אַז די פייאיגקייט פון דער „פאָרווערטס״־פירערשאַפט צו טעראָריזירן מענטשן, אַז זיי זאָלן ניט צושטיין צו דער אייניגקייט־באַוועגונג, זיינען שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. עס איז שוין מער ניט דאָס, וואָס ס׳איז געווען. די „פאָרווערטס״־פירערשאַפט איז נאָך אַלץ בכוח אָנצוטאָן אַ סך שאָדן — צום ביישפּיל, די קאַמפּאַניע מיטן בוליט׳ן פאַר אַ מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד — אָבער פון היינט און ווייטער וועט די „פאָרווערטס״־פירערשאַפט באַגעגענען אַלץ אַ גרעסערן און ווירק־זאַמערן ווידערשטאַנד, און דאָס וועט זיין אַ גרויס געווינס פאַר דער זאַך פון אייניגקייט צווישן די אַמעריקאַנער אידן. ווען די פאַרצווייפלונג פון די כאַנין־צעשיסער דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז זיי צווינגען אַפילו פריץ

אדלער'ן צו זאָגן, אַז די כּאַנין־פאַרשווינען זיינען אַ אידישע דאיעז־קאָמיטע, איז שוין קלאָר פון דעם אליין, אַז די געשעפטן פון דער חברה גייען ניט זייער גוט.

מיר ווילן ביי דער געלעגנהייט אויך אויסדריקן אונזער אָנערקענונג פאַר דער וויכטיגער ארבעט פאַר דער אידישער קולטור אין אַמעריקע און בכלל, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין פאַרלויף פון דעם לעצטן יאָר דורך אזא אָרגאַניזאַציע ווי דער „איקוף". איך וויל זאָגן, אַז די ארבעט פון „איקוף" פאַרדינט פיל מער אָנערקענונג און שטיצע ווי מיר האָבן ביז איצט געגעבן.

עס איז געקומען צייט אַוועקצושטעלן קולטור־ארבעט צווישן אונזערע סאַמע ערשטע אויפגאַבן. מיר האָבן שוין גערעדט וועגן דעם אין אונזערע פאַרשלאָגן צו דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ. מען דאַרף אויך רעדן וועגן דער זעלבער פראַגע אין פאַר־בינדונג מיט דער ארבעט פון „איקוף" און מיט די וויכטיגע קולטורעלע אויפטואונגען פון דעם אידישן פראָטערנאַלן פאָלקס־אָרדן. דער קאָמיטעט פון אידישע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער האָט אויך גרויסע מעגלעכקייטן פאַר וויכטיגער קולטור־ארבעט ספּעציעל פון שטאַנדפּונקט פון קולטורעלער הילף און אויפבוי פאַר די אידן פון די באַפרייטע לענדער. איך גלויב אויך, אַז דער „איקאָר" מאַכט אַ באַדייטנדיגן ביישטייער צו דעם קולטורעלן לעבן פון די אידן אין אַמעריקע. און איך וואָלט וועלן האָפן, אַז דער אידישער לערן־אינסטיטוט וועט געפינען דעם וועג צו ברייטערער קולטור־ארבעט צווישן אידיש־ריידנדיגע אידן און אויך צווישן ענגליש־ריידנדיגע אידן.

מיר קאָנען רעדן מיט מער האָפענונג איצט וועגן די אויסזיכטן פון דעם אידישן קולטורעלן לעבן אין אַמעריקע, מחמת דער באַגער פאַר־צוזעצן דעם קיום פון אונזער פאָלק איז שטאַרק און ער וועט זיך נאָך שטאַרקן. איך גלויב דעריבער, אַז די מעגלעכקייטן וועלן אויך באַ־שאַפן ווערן פאַר־אַ גרעסערער איינינקייט צווישן די אַמעריקאַנער אידן אין דער אויפגאַבע פון בויען און שאַפן די אידישע קולטור. און אין דער בויאונג פון אונזער קולטור וועט שפּילן אַ גרויסע ראָלע די אַנטוויקלונג פון אונזערע פאָלקס־כאָרן און אונזער מוזיק און ממילא אויך די טעטיגקייט פון דעם אידישן מוזיק־פאַרבאַנד.

די לאַגע ווערט אויך זייער גינסטיג פאַר דער ווייטערדיגער אויס־ברייטערונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט" און פאַר דעם, אַז זי זאָל פאַר־שפּרייט און געלייענט ווערן צווישן די ברייטסטע מאַסן פון אַמעריקאַנער

אידן. וועגן דעם וועט איר האָבן ספּעציעלע באַריכטן פון דעם רעדאַקטאָר און פון דעם פאַרוואַלטער פון דער „מאָרגן-פרייהייט”. דאָ זאָל בלויז געזאָגט ווערן, אַז צו בויען די „מאָרגן-פרייהייט”-צירקולאַציע צווישן די מאַסן איז אונזער ערשטע און וויכטיגסטע אויפגאַבע, מחמת אָן דעם קאָן אונזער שטימע ניט דערגרייכן די ברייטע מאַסן פון פאָלק. אַ צווייטע זאַך, וואָס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, איז אַז מיר מוזן נעמען אָנפירן ציר־קולאַציע-קאַמפּאַניעס אַלע צוועלף חדשים פון יאָר, ספּעציעלע קאַמפּאַניעס אין פאַרשיידענע שטעט, געגנטן, אינדוסטריעס, און אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע קאַמפּאַניעס. און אָט דאָס איז די געמיינ־שאַפטלעכע אַרבעט פון דער פאַרוואַלטונג און פון עדיטאָריעלן דעפּאַרט־מענט, און אויף אַזאַ אופן דאַרף די זאַך אָרגאַניזירט ווערן.

אין די קומענדיגע וואַלן וועט אַנטשיידן ווערן זייער אַ סך פאַר דער צוקונפט פון אַמעריקע און אויך פאַר דער צוקונפט פון דער וועלט. די „מאָרגן-פרייהייט” וועט פאַרזעצן צו שטיצן די שטעלונג פון אַמעריקאַנער פאָלק, די שטעלונג פון נאַציאָנאַלער איינינקייט פאַר דער ווידער-דערוויילונג פון אונזער הויפּט-קאָמאַנדיר און פרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן, פרענקלין ד. רוזוועלט. ווען מיר טוען דאָס, פירן מיר דורך אין דער פּראַקטיק דעם פירנדיגן געדאַנק פון ראַבאַי וויז, נעמלעך, אַז די אַמעריקאַנער אידן, ווי אַלע אַמעריקאַנער, סיי אַלס אידן, וועלן שטיצן אַזאַ נאַציאָנאַלע פירער־שאַפט, וועמען אַמעריקע קאָן פאַרטרויען דורכצופירן די דעמאָ־קראַטישע, פּראָגרעסיווע און הומאַניטאַרישע שטרעבונגען פון אַמעריקאַנער פאָלק. דאָס מיינט אַ פירערשאַפט, וואָס איז באמת סימפּאַטיש צו די רעכט און נויטן פונעם אידישן פאָלק, און דאָס איז די פירערשאַפט פון פרעזידענט רוזוועלט, וועמען די פאַשיסטן און אַנטי־סעמיטן אַטאַקירן, פאַרפאָלגן און פאַרליימדן, און וועמען דאָס פאָלק האָט ליב.

דאָס אידישע פאָלק מאַכט אַ גרויסן ביישטייער צום זיג. אונזערע זין און טעכטער אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי שלאָגן זיך ווי העלדן. דאָס זעלבע אין דער אַרמיי פון סאָוועטן-פאַרבאַנד און פון אַלע פאַראייניגטע פעלקער.

לאָמיר דעריבער מאַרשירן פאָראויס מיטן גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק צום זיג און צו אַ דויערנדיגן פרידן, צוזאַמען מיט אונזערע גרויסע

פאַרבינדעטע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ענגלאַנד, כינע און אַלע פאַר־איייניגטע מלוכות.

לאָמיר מאַרשירן פאָראויס מיט אַלע כחות פון דער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער אייניגקייט כדי פאַרצוזעצן די אייניגקייט, דורך זיג און דורך פרידן, און בויען זי אַרום פּרעזידענט רוזוועלט׳ס פּאָליסים, און פאַר דער נידערלאַגע פון אַלע אַנטיסעמיטן און פאַשיסטן.

לאָמיר מאַרשירן פאָראויס מיט דער אידישער אייניגקייט פון אַמע־ריקע צו דעם גרעסטן אידישן ביישטראָג צום זיג איבער די דייטשע פאַשיסטן און יאַפּאַנעזער מיליטאַריסטן, צו דער גרויסער אידישער נאַציאָ־נאַלער אויפגאַבע פון הילף און אויפבוי, פאַרצוברעננגען אונזער אידישן רעכענונג און אַנקלאַגע געגן היטלער׳ן, צו דער פאַרטיידיגונג פון די דעמאָקראַטישע און נאַציאָנאַלע רעכט פון דעם אידישן פאָלק נאָך דעם זיג, צו דעם זיג איבער אַלע קוויזלינגס.

לאָמיר גיין פאָראויס מיט אַלע אויסגעהאַלטענע אַנטי־פאַשיסטן, קאָמוניסטן און ניט־קאָמוניסטן, ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, סאָציאַליסטן, און אומפּאַרטייאישע אַרבעטער — צום זיג.


FOR VICTORY
BUY
UNITED
STATES
WAR
BONDS
AND
STAMPS